YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i06

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 6
February 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 6)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/110

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב כ"ז, ו).
אין מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. III, No. 6. New York, Friday, Feb. 4, 1921. פרייטאג, דעם 4טען פעברואר, PRICE 3 CENTS

אלעס צוגעגרייט פאר'ן דזשענעראל סטרייק פון די דרעס און וויסט מייקערס

נייע אויפלעבונג צווישען די טשילדרען דרעס מייקערס

מיט א צייט צוריק האבען מיר גע־מעלדעט, אז די טשילדרען דרעס־מאנו־פעקטשורערס אסס'ן האט אפגעבראכען איהר אגרימענט מיט דער טשילדרען דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 58. די יוניאן האט צו יענער צייט גארניט אונ־טערנומען געגען די מאנופעקטשורערס, ווייל די צייט איז דאן געווען זעהר א בי־טערע, דער סלעק אין די שעפער איז גע־ווען אלגעמיין, און וואס די יוניאן וואלט ניט געטאן, וואלט ניט געווען פון קיין נוצען.

דערווייל האט אויך די אסס'ן פון די מאנופעקטשורערס, וועניגסטענס אזוי איז געמעלדעט געווארען, זיך אויפגעלעזט; ווארשיינליך האבען די באסעס געגלויבט, אז זיי זיינען שוין אין גאנצען פארטיג מיט דער יוניאן און אז זי וועט שוין קיינ־מאל מעהר ניט טראבלען זיי.

אבער די יוניאן האט זיך גארניט אויפגעלייזט. זי האט פארטגעזעצט צו לעבען, כאטש א רוהיגען, שטילען לעבען, און געווארט אויף דעם גינסטיגען מא־מענט.

און דער גינסטיגער מאמענט איז גע־קומען. עס האט זיך אנגעהויבען וויזען ארבייט אין די שעפער און די יוניאן איז אויף איהר פאסטען. זי האט ניט איצט צו טאן מיט דער אסס'ן, ווייל אזעלכע איז ניטא, אבער די יוניאן פאסט גוט אויף, אז די באדינגונגען אונטער וועלכע איהרע מעמבערס ארבייטען, זאלען זיין אמת'ע יוניאן־באדינגונגען. יעדען טאג שליסט די יוניאן אינדיווידועלע אגרי־מענטס מיט די באסעס, און די אגרי־מענטס האלטען זיך אין איין מעהרען.

בקיצור, די טשילדרען דרעס מייקערס יוניאן האט איצט גאר אויף דאס ניי אויפגעלעבט און טוט איהר טיכטיגע אר־בייט פאר איהרע מעמבערס, ווי א יוניאן דארף עס טאן.

דער מוסר השכל פון דער געשיכטע איז: „נעווער גיוו אפ", ווערט קיינמאל ניט פארצווייפעלט אונטער די ערגסטע אומשטענדען. די צייט מוז ברענגען אן ענדערונג, און יעדע אמת־לעבעדיגע אר־גאניזאציאן באנוצט זיך מיט דער ענדע־רונג און טוט ווידער איהר ארבייט, ווי געווען.

אלעס, וואס פעהלט נאר, אז דער לאנג ערווארטעטער און פון אלע דרעס־און וויסט מייקערס פיל געגארטער און היים־געוואונשטער דזשענעראל סטרייק, זאל ענדליך קומען, איז בלויז דער רוף, דער סיגנאל פון דער יוניאן.

אלעס אנדערע, וואס איז נויטיג, אום צו מאכען דעם סטרייק פאר אן ערפאלג, און פאר א שנעלען ערפאלג, איז שוין פיקס און פארטיג. עס זיינען שוין פאר־בארייטעט אלע נויטיגע קאמיטעס, אין וועמעס הענד עס איז איבערגעגעבען די ריכטיגע פיהרונג פון דעם סטרייק, אזוי אז אלעס זאל צוגעהן מיט א טאלק און אן ארדנונג. עס זיינען שוין פארבאריי־טעט די האלס, וואו די סטרייקער און סטרייקערינס זאלען צוזאמענקומען גלייך נאך דעם, ווי זיי וועלען פארלאזען די שע־פער, און פאר אזוי לאנג ווי דער סטרייק וועט אנהאלטען.

דער אלגעמיינער געפיהל סיי פון דער פיהרערשאפט און סיי פון דער גרויסער מעמבערשיפ איז א געהויבענער. מיר ווע־לען ניט איבערטרייבען, ווען מיר וועלען זאגען, אז דער געפיהל איז אן ענטוזיאס־טישער. און דאס איז דאך גאנץ זעלבסט־פארשטענדליך. דער גרעסטער טייל פון די סטרייקער וויסען דאך, אז פאר זיי איז דער סטרייק בלויז א פראגע פון גאר עט־ליכע טעג, און זיי וועלען צוריק־גיין אויף זייערע פלעצער אין אמת'ע יוניאן־שעפער, און וועלען ארבייטען אויף די בעסט־מעג־ליכע יוניאן־באדינגונגען.

וואס אנבאלאנגט דעם טייל ארביי־טער און ארבייטערינס, וועלכע האבען ביז איצט געארבייט אין ניט יוניאן שעפער, די רייסען זיך דאך שוין לאנג צום קאמף. און איצט, אז די שטונדע האט אויך פאר זיי געשלאגען, פאר זייער מעגליכקייט צו קענען ארבייטען ווי מענשען, ווי יוניאן־לייט, די וועלען דאך געוויס מיט שמחה, מיט באגייסטערונג פאלגען דעם רוף פון דער יוניאן צום קאמף.

דאס אלעס זיינען מיר זיך ניט בלויז משער. מיר ווייסען אז עס איז

(שלוס אויף זייט 2).

אן אייגענע היים פאר דער אינטערנעשאנאל

די וואך האט די אינטערנעשאנאל „גענומען טייטעל" אויף דער הויז, 3 וו. 16טע סטריט, וועלכע וועט גאר אין גיכען פארוואנדעלט ווערען אין דער היים פון דער אינטערנעשאנאל, און וואו עס וועט באלד קאכען, ווי אין א ביהנשטאק מיט דער פילפאכער טעטיגקייט פון אונזער גרויסער מעכטיגער יוניאן.

מיר האבען שוין מיט א צייט פריהער וועגען דעם געמעלדעט. מיר האבען דאן א ביסעלע געשילדערט דעם פלאץ, וועל־כער איז ווירקליך אן אידעאלער פלאץ פאר דער היים פון אונזער אינטערנעשא־נאל. אבער דאן איז דאס הויז, 3 וועסט 16טע סטריט, נאך ניט געווען אונזערס. עס איז בלויז געגעבען געווארען א געלד־דעפאזיט, אז מיר קענען קויפען דאס הויז. די וואך איז אונזער אינטערנעשאנאל גע־ווארען די געזעצליכע אייגענטימערין פון דעם הויז.

וואס פאר א נאמען אונזער היים וועט קריגען ווייסען מיר נאך ניט. אייניגע שלאגען פאר, אז דאס זאל הייסען „דהי אינטערנעשאנאל סענטר", אנדערע ווילען, אז עס זאל הייסען „דהי האום אפיס אוו דהי אינטערנעשאנאל", און ווידער אנ־דערע ווילען אז עס זאל הייסען קורץ „דהי האום אוו דהי אינטערנעשאנאל". אבער דער נאמען דאס איז די קלענסטע פראגע. דער ריכטיגער נאמען וועט שוין געפונען ווערען. די הויפטזאך איז איצט, אז מען וועט זיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט פון איבערבויאונג, אזוי אז די אינטער־נעשאנאל זאל קענען וואס גיכער זיך אי־בערקלייבען אין איהר אייגענער היים און האבען אלעס אזוי באקוועם און גוט, ווי זי האט עס נאך ביז איצט קיינמאל ניט געהאט.

מיר וועלען פון צייט צו צייט באריכ־טען אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען דעם פראגרעס פון אונזער גרויסער אונטער־נעהמונג, ווייל מיר זיינען זיכער, אז אונ־זער גרויסע מעמבערשיפ איז באמת פאר־אינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון די־זער נייער און העכסט־נויטווענדיגער אונ־טערנעהמונג פון דער אינטערנעשאנאל. מיר ווייסען, אז יעדער איינער פון אונ־זער מעמבערשיפ וועט פיהלען זיך געהוי־בענער, שטאלצער דורך דעם באוואוסט־זיין, אז די אינטערנעשאנאל האט איהר אייגענע היים.

קלאוקמאכער סטרייק אין סינסינעטי אין פולען גאנג

די קלאוק פירמע בישאף, שטערן און שטיין וועט באלד דערפיהלען, אז זי האט געמאכט א טעות אין חשבון, מיינענדיג, אז עס וועט זיך איהר איינגעבען איהר חכמה צו לאזען הונדערטע פאמיליען אהן א שטיקעל ברויט און מאכען איהר אר־בייט אין ניו יארק, ביז די ארבייטער, אויסגעהונגערטע און דערשלאגענע, וועלען קומען זיך בעטען צו ארבייטען אויף די באדינגונגען פון די באסעס.

די אינטערנעשאנאל האט ערקלעהרט א קאמף דער פירמע, און דער קאמף ווערט אנגעפיהרט מיט דער גאנצער ענערגיע, וואס די אינטערנעשאנאל פארמאגט.

דער קאמף ווערט געפיהרט אויף ביי־דע פראנטען, סיי אין סינסינעטי און סיי אין ניו יארק. אין סינסינעטי טוען די ארבייטער אלעס וואס זיי קענען און זע־הען, אז די עפענטליכע מיינונג זאל זיין גוט אינפארמירט איבער דער האנדלונג פון דיזע קלאוק־מאנופעקטשורערס. און די אינטערנעשאנאל האט באשלאסען צו־געבען, און גלייך, די ארבייטער די גאנ־צע נויטיגע הילף, און זי וועט עס אנ־האלטען אזוי לאנג, ווי די הילף וועט זיין נויטיג.

וואס אנבאטרעפט ניו יארק, איז די טעג געקומען פון סינסינעטי נאך ניו יארק איינער פון די ארבייטער פון דער פירמע, ברידער גוטערמאן, וועלכער ווייס זעהר גוט, וואס פאר א סארט ארבייט די פיר־מע מאכט, און ער, אין פארבינדונג מיט א קאמיטע פון אונזער דזשאינט באארד, וועלען טאן אלעס אין זייערע כחות אויס־צוגעפינען, וואו די ארבייט ווערט גע־מאכט, און אויף אזא אופן מאכען א גרא־בען שטריך איבער דעם חשבון פון דער פירמע.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 6.

זייט 2. די וואך. — מאקס דעניש.
זייט 3. באריכטען פון דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און פון דער דרעס און וויסט־אינדוסטריע. — ל. לאנגער און מ. מאקאוו.
זייט 4. אין דעם עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט.
זייט 5. סקוירט און דרעס־דיוויזשאן פון דער קלאוקמאכער יוניאן. אינדזשאנק־שאנס געגען רייינקאוט־מייקערס יוניאן ארויסגעווארפען. בריעף פון עקז. ב. לאקאל 22.
זייט 6. די אינד. קלאוק און ריפער דיסטר־ריקטס. — ד. ניסנעוויץ. לאקאל 82. — מ. י. אשפיז.
זייט 7. דארט, וואו די ציטרינען בליהען. — ליליען וואלאך. די אידישע וואנ־דערונג. — ל. גלאזער.
זייט 8. פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. ניו יארק און אויסער ניו יארק. — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. די דעבאטע וועגען האנדעל מיט רוסלאנד אין אמעריקאנער סענאט. — א. זעלדין. א קאך־בוך פאר ארבייטער־לא־זע (פעליעטאן). — דר. ק. לעא.
זייט 11. קען מען איצט ערווארטען אן אמת'ען קאמף אויף די אייזענבאה־נען? — ה. לאנג. א חלום פון א פריהלינג. פארגעסט (ליעד). — נפתלי גראס.
זייט 12. ווי הויך זיינען די לעבענס־קאסטען פאר די ארבייטער? — א. טראכטענבערג.
זייט 13. ווי צו זיין געזונד? — דר. ב. רובאווסקי. קורצע שטועסען צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.
זייט 14, 15 און 16. [illegible]

דזשענעראל סטרייק פון די קלאוקמא־כער אין באסטאן

איידער מיר געהען צום פרעס האבען מיר ערהאלטען פון באסטאן פאלגענדע טעלעגראמע:

„א דזשענעראל סטרייק פון אלע אר־בייטער אין דער קלאוק און סוט אינדוס־טריע איז ערקלעהרט געווארען פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן פון דער אינטער־נעשאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, מיטוואך, דעם 2טען פעברואר.

אין דעם סטרייק זיינען פארוויקעלט צוויי טויזענד מענער און פרויען, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין דער קלאוק־אינ־דוסטריע אין באסטאן.

דער סטרייק איז דער רעזולטאט פון א קאנפערענץ, וואס האט אנגעהאלטען צוויי טעג, פון דעם דזשאינט באארד צו־זאמען מיט פרעזידענט שלעזינגער, פרעזידענט פון דער א. ל. ג. וו. י.

דער סטרייק איז אן ענטפער אויף דעם אפברעכען פון דעם אגרימענט מיט דער יוניאן פון דער זייט פון דער באס־טאנער לײדיס גארמענט מאנופעקטשו־רערס אסס'ן, און אויך אלס א רעזולטאט פון דעם לאקאוט, וואס דיזעלבע אסס'ן האט געמאכט, ארויסשיקענדיג בריף צו זייערע ארבייטער, ערקלעהרענדיג, אז זיי וועלען מעהר מיט דער יוניאן ניט פאר־האנדלען.

פרעזידענט שלעזינגער האט פאר־שפראכען די פולסטע הילף פון דער אינ־טערנעשאנאל צו די סטרייקער אין זייער קאמף געגען די באסטאנער מאנופעקטשו־רערס, וועלכע ווילען ניט אנערקענען, ווי צו־בראכען די יוניאן און איינפיהרען פאר־האלטניסע אין דער קלאוק־אינדוסטריע, צו וועלכע קיין יוניאן־ארבייטער קען קיינמאל ניט צושטימען.

א. שניידער,
מענעדזשער דזשאינט באארד קל. און סקוירט מייקערס יוניאן."

אלא, די באסטאנער קלאוק־מאנופעק־טשורערס האבען זיך ניט צוגעהערט צו דער שטימע פון פארשטאנד, צו דער שטי־מע פאר פרידליכער פארהאנדלונג. זיי האבען אויסערוועהלט דעם וועג פון קאמף. זיי זאלען עס האבען. די באס־טאנער ארגאניזירטע קלאוקמאכער זיינען פארטיג צו קעמפען פאר זייערע רעכטע, פאר זייער יוניאן אזוי שטארק, אזוי ענערגיש, ווי זיי האבען עס ביז איצט גע־טאן, און קיינמאל, קיינמאל וועלען זיי דעם קאמף ניט אויפגעבען ביז דער זיג וועט זיין זייערער.

מיטינג פון לעהרער פערסאנאל פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גא־מענט וואירקערס יוניאן, אין דעם יוניאן העלטה סענטער — דעם 15טען יאנואר, 1921.

איינע פון די וויכטיגסטע געשעהעניסען אין דער געשיכטע פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל איז פארגעקומען שבת נאכמיטאג אין דעם יוניאן העלטה סענטער. דאס איז געווען א פארזאמלונג פון אלע לעהרער, וואס זיינען פארבונדען מיט'ן דעפארטמענט, און פון פארשטעהער פון די סטודענטען אין די יוניטי סענטערס און אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט אלע מאל געהאלטען פון דעם פרינציפ, אז די טעטיגקייטען פון יעדער ארבייטער ארגאניזאציע דארפען אנגעפיהרט ווערען אויף א דעמאקראטישען אופן, און אין איינקלאנג מיט דער איבערצייגונג האט דער דעפארטמענט פארופען א געמיינשאפטליכען מיטינג פון די לעהרער און סטודענטען־פארשטעהער, כדי צו באהאנדלען און לייזען איינינע וויכטיגע פראגען אין פארבינדונג מיט דער טעטיגקייט פון דעם דעפארטמענט.

דער מיטינג פון דעם 15טען יאנואר האט באוויזען, אז דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז געווען גערעכט אין זיין איבערצייגונג, אז א דעמאקראטישע ארגאניזאציע פון זיינע טעטיגקייטען קאן דורכגעפיהרט ווערען. צווישען די פארזאמלטע לעהרער פון די יוניטי סענטערס און פון דעם ארבייטער אוניווערזיטעט זיינען אויך געווען: דר. טשארלס א. ביערד, דר. לעא וואלמאן, דר. ד. ד. קליין, גוסטאוו פ. שולץ, פ. דזש. מעלווין, מארגארעט דאניעלס, מיס עלען א קענאן, מיס גרייס סקריבנער, ספענסער מילער, הערמאן עפשטיין, א. ל. ווילבערט, ב. דזש. ר. סטאלפער, מאקס לעווין, און קאמישאנער טאמאס קוירטיס.

די פאלגענדע סטודענטען פארשטעהער זיינען געווען אנוועזענד: ווערא קייזערמאן, סאראה שאפירא, לילי מעגדלין, סיליא אסטראוו, אנא גודאקאווסקי, ב. ענגעל, ס. ווארא[illegible], ע. ווינער, און פ. ראטענבערג.

מיס פאניא קאהן און מר. אלעקסאנדער פישעהנדלער האבען פארטראטען דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

מר. פיטשענדלער, דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, איז ערוועהלט געווארען אלס טשערמאן. אלע אנוועזענדע האבען אנטייל גענומען אין א גרינדליכער און ווערטפולער דיסקוסיע, יעדער איינער איבערגעבענדיג זיינע איינענע ערפאהרונגען אויפ'ן געביט פון ארבייטער־אויפקלערונג וואס ווער טאנגעפיהרט פון דער א. ל. ג. וו. י.

עס איז צום אלעם ערשטען באשלאסען געווארען, אז די לעהרער און פארטרעטער פון די סטודענטען זאלען פארבלייבען אלס א שטענדיגע קערפערשאפט, וואס זאל זיך צוזאמענקומען אם ווענינסטען דריי מאל אין דעם משך פון דעם לעהר יאהר אום צו פארהאנדלען און ענטשיידען איבער לויפענדע אויסגאבען פון דעם דעפארטמענט. ס'איז אויך באשלאסען געווארען צו באשטימען אן עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער דאזיגער נייער ארגאניזאציע, און אז די קאמיטע זאל זיך צוזאמענקומען אפטער און ארבייטען צוזאמען מיט דעם אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

פיעל צייט איז אפגעגעבען געווארען צו באשפרעכען דעם לעהר פראגראם פון דעם עד. דעפ., און עס איז ענדליך באשלאסען געווארען, אז די עקזעקוטיווע זאל פארמולירען א לעהר־פראגראם און זי פארלייגען פאר'ן נעקסטען מיטינג פון דעם לעהר־פערסאנאל.

אויך איז ווארים דיסקוטירט געווארען די פראגע וועגען מעטאדען וואס די לעהרער באנוצען אין זייערע קלאסען. אין דער דאזיגער דיסקוסיע איז עס געווען באזונדערס אינטערעסאנט און ווערטפול צו הערען די מיינונגען פון די סטודענטען פארשטעהער, וועלכע האבען גאנץ אפענהערציג קריטיקירט געוויסע מעטאדען און רעקאמענדירט ענדערונגען. עס איז באשלאסען געווארען, אז די לעהרער אין די פארשידענע קלאסען זאלען באשטימען א געוויסע צייט פאר אונטערעדונגען מיט די סטודענטען כדי צו געבען די לעצטע א מעגליכקייט אויסצודריקען זייערע מיינונגען און אנזיכטען איבער די גוטע און שלעכטע זייטען פון די לעהרערס מעטאדען.

סיי די סטודענטען און סיי די לעהרער האבען אנערקענט די וויכטיגקייט פון מימיאגראפישע אנטליינס פון יעדען לעסאן. אלע האבען צוגעגעבען אז אזעלכע סומירונגען וועלען העלפען די סטודענטען צו געדענקען און ארגאניזירען דעם מאטעריאל פון יעדען לעסאן.

עס איז אויך אונטערשטראכען געווארען די נויטווענדיגקייט פון באראטונג צווישען דעם לעהרער פון יעדען קלאס און דעם סטודענטס־קאונסיל, כדי צו באשטימען אין וואס יעדער קלאס נויטיגט זיך און מיט וואס ער אינטערעסירט זיך. דער פלאן וועט אין דער צוקונפט דורכגעפיהרט ווערען און מען האט [illegible] פיהרען צו א בעסערער פארשטענדיגונג צווישען די סטודענטען און די לעהרער און פאלגליך — צו א פארבעסערונג פון די לעהר מעטאדען.

די פראגע פון לעהר ביכער איז אויפגענומען געווארען און ס'איז באשלאסען געווארען, אז די עקזעקוטיווע זאל וועגען דעם אויסארבייטען א באריכט און איהם איינבריינגען צום נעקסטען מיטינג.

דער מיטינג שטעלט מיט זיך פאר א זעהר וויכטיגען אנהויב אין ארבייטער אויפקלערונג און ער וועט פיליכט דינען אלס א מוסטער פאר אנדערע ערציהונגס אינסטיטוציעס. ס'איז איבעריג צו ווידערהאלען דעם כלל, אז דער פרינציפ פון דעמאקראטיע פארערט, דאס אלע מענשען וועלכע זיינען פארבונדען מיט א געוויסער טעטיגקייט זאלען אנטיילנעהמען אין דער דאזיגער טעטיגקייט. די ארגאניזאציע פון לעהרער און סטודענטען פארשטעהער איז דעריבער פון דער גרעסטער וויכטיגקייט נישט בלויז פאר דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, נאר פיליכט אויך פאר דער אויפקלעהרונגס־באוועגונג פון דער גאנצער ארבייטער וועלט.

לאוער בראנקס יוניטי סענטער וועט פייערען זיין ערעפענונג מיט א גרויסאטיגען קאנצערט און באל.

דער מיזיניק פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינטערנעשאנאל איז דער „לאוער בראנקס" יוניטי סענטער אין פאבליק סקול 43, וועלכער איז געעפענט געווארען לעצטען נאוועמבער. דאס איז דער זיבעטער יוניטי סענטער וואס דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ארגאניזירט אין די לעצטע 4 יאהר, און ער קוקט אויס צו זיין א געזונטער, בראווער יונגג.

אין דעם דאזיגען סענטער איז פאראן א גרויסע צאהל קלאסען און א ציםליך גרויסע צאהל סטודענטען. אלע טאג קומען צו נייע סטודענטען און פון דעם זעלבען מין, ווי אין די איבעריגע סענטערס — אינטעליגענטע, פלייסיגע, דורשטיג צו לערנען און וויסען, מיט דער מיטווירקונג פון דעם פרינציפאל פון סקול, מר. מעלווין אפערמאן, און מיט דער לאקאלער אויפזעהערין, מיס בלענטש לינטש, האט זיך דער דאזיגער יוניטי סענטער גאנץ גוט אנטוויקעלט.

די סטודענטען פון דעם, ווי פון אנדערע סענטערס, קריגען א סיסטעמאטישען, גוט־געפלאנטען אונטערריכט אין דער ענגלישער שפראך. יעדער סענטער האט קלאסען אין ענגליש פאר אנפאנגער, פאר די וואס קאנען שוין מעהר אדער ווייניגער די שפראך, און אויך העכערע קלאסען. אויסגעצייכענטע לעהרער, באשטימט פון דער באארד אוו עדיוקיישאן, אונטעררריכטען אין די דאזיגע קלאסען.

אויסער אט די קלאסען פלאנט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פאר יעדען יוניטי סענטער קלאסען איבער דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג. אין דעם לאוער בראנקס סענטער ווערט אזא קלאס אנגעפיהרט פון דעם באקאנטען מיטגליד פון דער אינטערנעשאנאל, מאקס לעווין אלע דאנערשטאג אווענט.

דאנערשטאג אווענט איז דער „געזונדהייט אווענט" אין אלע סענטערס. די סטודענטען אין פאבליק סקול 43 קריגען אלע אויך אונטעררריכט אין פיזישע איבונג אונטער דער אויפזיכט פון מיס לינטש, וועלכע איז איינע פון די בעסטע לעהרערינס אין די פאבליק סקולס פון שטאדט. אויסער דעם ווערען אויך אלע דאנערשטאג געהאלטען לעקטשורס איבער היגיענע אין אלע סענטערס. די דאזיגע לעקטשורס ווערען געגעבען פון די דאקטוירים פון דער „ביורא אוו אינדאסטריאל היידזשיען" און זיי באהאנדלען פראגען פון פערזענליכער היגיענע, פון שפייז און פארדייען און נאך אזעלכע פרייזען, וואס האבען צו טאן מיט דעם געזונט פון די סטודענטען.

דער גייסט אין דעם נייעם יוניטי סענטער איז אן אויסגעצייכענטער. די סטודענטס קאונסילס ארבייטען האנט אין האנט מיט דעם עדיוק. דעפארטמענט. א סך פון די איצטיגע מיטגלידער פון די קאונסילס זיינען שטאלץ דערמיט, וואס זיי האבען געהאלפען ארגאניזירען דעם דאזיגען צענטער, וועלכער איז איצט געווארען נישט נאר א פלאץ צו לערנען, נאר אויך צו פארברענגען פאר די מעמבערס וואס וואוינען אין דעם געגענט.

צו פייערן די ערעפנונג פון דעם נייעם צענטער האט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט אראנזשירט א גרויסארטיגען קאנצערט און באל אין דעם אודיטאריום פון סקול, פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, האלב נאך זיבען אין אווענט. פרעזידענט שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנאל, אב. באראף, טשערמאן פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, אלעקסאנדער פיטשענדלער, דירעקטאר פון דעם עדיוק. דעפ. און מיס פאניא מ. קאהן, סעקרעטער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, וועלען אדרעסירען די פארזאמעלטע און זיי גראטולירען מיט דער ערעפענונג פון דעם נייעם אויפקלערונגס־סענטער.

פראפעסיאנעלע מוזיקער וועלען אויפ'ן קאנצערט שפילען קלאסישע און לייכטע מוזיק. אן אויסשטעלונג צוגעגרייט פון די סטודענטען פון דעם צענטער, וועט אויך זיין א טייל פון דער פראגראם. נאך דעם קאנצערט וועט דער עולם קאנען טאנצען אין דער דזשימנייזיום פון סקול.

מיטגלידער פון די סטודענטס קאונסילס וועלען זיין די אשערס, און אלע אנדערע צענטערס, ווי אויך דער ארבייטער אוניווערזיטעט, וועלען דארט זיין פארטראטען דורך זייערע באטרעפענדע סטודענטס קאונסילס.

מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל קאנען באקומען טיקעטס פריי אין דעם יוניטי סענטער ביי מיס בלענטש לינטש, אין די אפיסעס פון די לאקאלע יוניאנס און אין דעם אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 31 יוניאן סקווער.

ס'איז צו האפען אז די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע וואוינען אין יענעם געגענד וועלען קומען מיט זייערע פריינד צו פייערען די ערעפענונג פון דעם נייעם צענטער־פונקט פון ארבייטער בילדונג.

א נייער קלאס אונטער מר. סאוועל זימאנדי, פון דער ביורא אוו אינדאסטריאל ריסוירטש.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט ערעפענען א נייעם קלאס, איינגעפיהרט פון מר. סאוועל זימאנד, מיטוואך, דעם 2טען פעברואר. מר. זימאנד איז א באוואוסטער פובליציסט און איז איצטער פארבונדען מיט דער „ביורא אוו אינדוסטריעל ריסוירטש". ער איז דער פארפאסער פון פיעלע ארטיקלען איבער די אינדוסטריעלע און פאליטישע באדינגונגען אין אייראפא און אמעריקא.

איינצעלהייטען וועגען נייעם קלאס וועלען אין גיכען אנאנסירט ווערען.

א קלאס איבער געשיכטע פון ציוויליזאציע, אונטער'ן אויפזיכט פון מר. ספענסער מילער.

לעצטען שבת, 2:30 בייטאג האט זיך פארזאמעלט א גרויסע צאהל סטודענטען אין דעם נייעם קלאס איבער דער געשיכטע פון ציוויליזאציע, אנגעפיהרט פון מר. ספענסער מילער. מר. מילער האט אין

אלגעמיינע שטריכען איבערגעגעבען דעם כאראקטער פון דעם נייעם קלאס, און וועלכען עס וועלען באטראכט ווערען אזעלכע פראגען, צום ביישפיעל, ווי דער ראציאנאלער, פאליטישער, אינדוסטריעלער און סאציאלער הינטערגרונד פון דער איצטיגער געזעלשאפט. דער געגענשטאנד איז פון גרעסטען אינטערעס פאר די וואס פארשטעהן דעם „פארוואס" פון די היינטיגע איינריכטונגען.

די וואס ווילען זיך פארשרייבען אין דעם קלאס זאלען זיך צואיילען.

קלאסען אין הייסקול ענגליש אין איסט־סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63.

דער קלאס אין היי סקול ענגליש, אנגעפיהרט פון מר. ל. מארקס, איז אין פולען גאנג. עס איז ראטזאם, אז די מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל זאלען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו לערנען די העכערע שטופען פון דער ענגלישער שפראך און ליטעראטור אונטער א פעהיגען, ערפארענעם לעהרער. די סטודענטען קריגען דארט אויך א סך איבונג אין שרייבען קאמפאזישאנס, אין רעדען פאר אן עולם, א. אז. וו. ס'איז פארבליבען פלאץ נאך פאר עטליכע. די וואס ווילען זיך פארשרייבען זאלען זיך זעהען מיט דער לאקאלער אויפזעהערין, מיס איווא קאהען. דער קלאס ווערט געגעבען מאנטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אין אווענט.

קלאס אין היי־סקול ענגליש אין דעם הארלעמער יוניטי סענטער.

אין הארלעמער יוניטי סענטער, פאב. סקול 171, 103טע סטריט, נעבען 5טע עוועניו, ווערט אנגעפיהרט א קלאס אין היי־סקול ענגליש פון מר. אייזאק בילדערסי, פון דע וויט קלינטאן היי סקול. אין דעם קלאס וועט אויפגענומען ווערען די ענגלישע ליטעראטור, שרייבען קאמפאזישאנס, און פאבליק ספיקינג. דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ראט די מעמבערס פון יענעם געגענד זיך צו באנוצען מיט דער געלעגענהייט. נאך אויסקונפט ווענדט זיך צו מיס מערי רוטה קאהען, אויפזעהערין פון דעם הארלעמער יוניטי סענטער.

לעקטשורס.

די נעקסטע לעקטשור אונטער'ן אויפזיכט פון דער דזשאינט עדיוקיישאנאל קאמיטע פון לאקאל 9 און 1 וועט געהאלטען ווערען פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, אין דער לאנדאן קאסינא, 3875 3טע עוו., בראנקס. דער לעקטשורער וועט זיין מר. ה. בורגין, און די טעמא: „די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא."

פילאדעלפיא: פראפ. דזשאהן קארפער פאויז וועט פארענדיגען זיין סעריע לעקטשורס פאר די מעמבערס פון לאקאל 15, פראטאג, דעם 28טען יאנואר, מיט א לעקטשור איבער טאלסטאי און טורגעניעוו.

דער אגרימענט פאר דער דרעס אינדוסטריע איינשטימיג אנגענומען

עס איז ניט געווען קיין סוד, דאס פאר די לעצטע צייטען זיינען אפגעהאלטען געווארען פילע קאנפערענצען צווישען דעם דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע פון איין זייט, און פון דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן, פון דער צווייטער זייט. אויף די קאנפערענצען איז אויך געווען פארטראטען; ב. שלעזינגער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער האט, נאטירליך, פיל ביינעטראגען צו דער אויסארבייטונג פון דעם אגרימענט.

דעם דינסטאג האבען די מיטגלידער פון אלע לאקאלס, פארטראטען אין דעם דזשאינט באארד, זיך פארזאמעלט אין די ביירע גרויסע האלס, אין וועבסטער און בעטהאווען האלס, צוערשט אום צו דיסקוטירען אלע פונקטען פון דעם אגרימענט, און דאן צו שטימען.

דער רעזולטאט, ווי מען האט אנדערש ניט געקענט ערווארטען, איז פאלשטענדיג צופרידענשטעלענד. דער גאנצער אגרימענט, מיט דער אויסנאהם פון איין פונקט, נעמליך, פון איינפיהרונג פון א 5־טאגיגער ארבייטס־וואך מיט די זעלבע 44 שטונדען, איז גוטגעהייסען. ווארום דער איין פונקט איז צוריקגעוויזען, וועלכער, לויט אונזער מיינונג, קען נאר זיין העכסט ניצליך פאר די ארבייטער, איז שווער צו באגרייפען. נאר דאס איז שוין די זאך פון די, וועלכע האבען געשטימט. זיי האבען דאך א רעכט צו האבען זייער איינענע מיינונג, אפילו ווען זי זאל זיין וועהר א פארגרייזטע, און דער דזשאינט באארד האט ניט די קלענסטע אבזיכט ארויפצוצווינגען עטוואס אויף די ארבייטער געגען זייער ווילען, מעג עס זיין דאס סאמע בעסטע.

אויף דעם זעלבען מיטינג איז אויך אנגענומען געווארען פאלגענדער באשלוס:

„אזוי ווי מיר האבען א צאהל יוניאן־שעפער אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, אין וועלכע עס ווערט געארבייט אונטער ניט יוניאן באדינגונגען,

„אזוי ווי דיזע ניט יוניאן שעפער זיינען א געפאהר פאר די הערשענדע יוניאן־סטאנדארדס אין די יוניאן שעפער, און דורך זיי ווערען אונטערגעגראבען די יוניאן־סטאנדארדס אין דער אינדוסטריע, וועלכע מען האט ערקעמפט דורך פילע יאהרען פון קאמף פון די ארגאניזירטע ארבייטער אין דער אינדוסטריע,

„זיי עס באשלאסען, דאס דער דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע, וועלכער האט נאר וואס געשלאסען א קאלעקטיווען אגרימענט מיט די דרעס־מאנופעקטשורערס, וועלכער פארזיכערט פאר די ארבייטער יוניאן־באדינגונגען אין דער אינדוסטריע, ווערט דערמיט אינסטרואירט צו רופען א דזשענעראל סטרייק אין אלע ניט יוניאניסטישע וויסט און דרעס שעפער, וועלכע זיינען נאך ניט אריין אין קאנטראקט־פארהעלטניסע מיט'ן דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. די צייט, ווען דער סטרייק זאל גערופען ווערען, ווערט באשלאסען פון דעם דזשאינט באארד.

„און עס איז אויך באשלאסען, דאס מיר פארפליכטען זיך צו געבען אונזער הארציגסטע שטיצע צום דזשאינט באארד אין דער פיהרונג פון דיזען דזשענעראל סטרייק; מיר זאגען צו אונזער פולסטע מיטווירקונג צו מאכען דעם סטרייק פאר אן ערפאלג פאר דער בענעפיט פון אלע ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע."

דורך דיזער רעזאלוציע וועט דער געפלאנטער דזשענעראל סטרייק פון די דרעס מאכער באדייטענד פארגרעסערט ווערען. ווייל אין אנפאנג האט דער סטרייק נאר געזאלט ארויסגערופען ווערען בלויז אין די דרעס שעפער. לויט דער רעזאלוציע, וועט דער דזשענעראל סטרייק ארומכאפען די גאנצע וויסט און דרעס אינדוסטריע אין ניו יארק.

וואך געווען דער מיטינג פון די סטרייקערס אין מעדיסאן סקווער גארדען, דאנערשטאג, דעם 27טען יאנואר. 7 טויזענד סטרייקערס האבען זיך פארזאמעלט אין דעם ריזיגען האל צו אויסהערען די רעדעס פון זייערע פיהרער און פריינד און די באגייסטערונג, מיט וועלכער די רעדנער זיינען אויפגענומען געווארען, האט באוויזען, אז די סטרייקערס זיינען אלע ווי איינער מוטיג און קאמפס־לוסטיג.

אויסער די באאמטע פון דער יוניאן האבען דארט גערעדט א רייע פראמינענטע פערזאנען אין דער ארבייטער וועלט, צווישען זיי אב. קאהן, רעדאקטאר פון „פארווערטס" און פרענק פ. וואלש, געוועזענער טשערמאן פון דער „וואר לייבאר באארד". מר. וואלש האט אנאליזירט דעם פארזיך פון די באסעס אויפצולייזען די „אמאלגאמייטעד". די סטרייקערס האבען זיך ווי געהעריג אפגערופען אויף אט דעם לעצטען פארצווייפלונגסשריט פון די מאנופעקטשורער.

„פרינציפען־ערקלערונגען ווערען געמאכט און געמאכט אוים", האט געזאגט סעקרעטער שלאסבערג אין זיין רעדע צו די סטרייקערס, „אבער קיין יוניאן־מאן, וואס באזיצט זעלבסט־אכטונג, וועט ניט פארענדערען א פינטעלע אין זיינע פרינציפען־ערקלערונגען בלויז דערפאר, וואס די באסעס ווילען דאס. די „אמאלגאמייטעד" האט ארויסגעשלעפט פון די סוועט־שעפער 200 טויזענד מענשען און זיי דערהויבען צו א מדרגה פון מענשליכע לעבענס־באדינגונגען. אויב דאס איז ניט אמעריקאניזם, דאן איז נישטא קיין אמעריקאניזם".

עס איז קלאר, אז די שניידער־באסעס שפילען זייער לעצטע קארט. די ארבייטער האבען אויפגענומען די פאדערונג זיך צו פארמעסטען מיט די כחות, און זיי וועלען ניט געהן צוריק אין די שעפער אריין, סיידען זיי וועלען האבען א דעה אין באשטימען די ארבייטס־באדינגונגען. אין די שניידער־שעפער פון ניו יארק.

שיף־ארבייטער שטימען וועגן פארקלענערן שכירות.

צי די 75 טויזענד ארבייטער אין די אמעריקאנער שיף־יארדס וועלען אננעהמען א פארקלענערונג פון זייערע שכירות אויף 10־20 פראצענט, ווענדט זיך אן דעם רעזולטאט פון דעם רעפערענדום, וואס ווערט איצט דורכגעפיהרט פון די יוניאנס אין דער שיף־בוי אינדוסטריע.

די שיף־בוי קארפאריישאנס האבען, נאטירליך, פארקאמפלאזשירט זייער פאדערונג אונטער דעם אויסרייד, אז זיי ווילען „פארקלענערן די פראדוקציאנס־קאסטען, כדי אמעריקאנער שיף־בויער זאלען קאנען קאנקורירען מיט אויסלענדישע". די פיהרער פון די שיף־ארבייטער האבען געענטפערט אויף דעם מיט א נעגען־פאדערונג, אז אויב די ארבייטס־געבער וועלען איינשטימען צו פארקלענערן זייערע פראפיטען, וועלען די ארבייטער אויפנעהמען די פראגע וועגן פארקלענערן די שכירות.

קליידער פאר די אומגליקליכע אין אייראפא.

הײנטיגע וואך הויבט זיך אן דער דרייוו צו זאמלען קליידער פאר א פערטעל מיליאן אידישע פאמיליען אין אייראפא. דער דרייוו ווערט אנגעפיהרט דערוויל אין ניו יארק, באפאלא און באלטימאר און וועט אנהאלטען ביז עס וועט געזאמעלט ווערען פאר צוויי מיליאן נייע און געניצטע קליידער. עס ווערט אויסגערעכענט, אז דער דרייוו וועט דויערען ארום 4 וואכען — צוויי וואכען פאר זאמלען קליידער, איין וואך פאר שפייז און מעדיצינישע ארטיקלען און איין וואך פאר ביכער. די שפייז און די ביכער וועלען געזאמעלט ווערען פאר די 300 טויזענד מלחמה יתומים.

דעם זעקסטען פעברואר וועלען פרייווילינע אנהויבען קאלעקטען באנדעלס קליידער. די וואס קאנען אפשפארען גענוצטע קליידער, זיינען געבעטען צו לאזען וויסען די רעליעף אפיסעס. א טראק וועט קומען און צונעמען די באנדלעך, וועלכע וועלען אזוי שנעל ווי מעגליך אפגעשיקט ווערען נאך אייראפא. דער דרייוו ווערט אנגעפיהרט אונטער דער אויפזיכט פון דער „נייטאנאל דזשואיש רעליעף קאמיטע", מיט וועלכער אונזער אינטערנעשאנאל איז פארבונדען און פון וועלכער פרעז. שלעזינגער איז איינער פון די וויס־טשערמען.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער נויארקער קלאוקמאכער יוניאן

ברודער דזשיאוועגעטי, דער סעקרעטער פון דעם איטאליענישען טשיימבער אוו לייבאר, אינפארמירט דעם דזשאינט באארד וועגען דער איבענדערמאכטער קערפערשאפט און איהרע שטרעבונגען. דער ברודער ערקלערט אז די ארגאניזאציאן האט זיך אונטערגענומען צו פיהרען א קאמפיין פאר איינינקייט צווישען די איטאליענישע ארבייטער, און, אום דער קאמפיין זאל זיין אן ערפאלג, נויטיגט זיך געלד. ברודער דזשיאוועגעטי פארלאנגט דארום, פון דעם דזשאינט באארד פינאנציעלע שטיצע פאר דער אונטערנעמונג. זיין פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

דער רעדאקטאר פון דעם „מעסענדזשער" א צייטונג, וועלכע פרעדיגט דעם פאליטישען און עקאנאמישען קאמף צווישען די שווארצע ארבייטער, אינפארמירט דעם דזשאינט באארד וועגען אן ארגאניזאציאן וועלכע האט זיך געגרינדעט אונטער דעם נאמען „קו קלוקס קלאן", מיט דעם צוועק צו פארניכטען די פראגרעסיווע באוועגונג וועלכע די שווארצע ארבייטער האבען אויפגעבויט. די קאמיטע ערקלעהרט ווייטער אז די ארגאניזאציע זוכט אויך צו פארניכטען די ראדיקאלע באוועגונג צווישען די ווייסע מאסען. א מאס מיטינג צו פראטעסטירען נעגען דער „קו קלוקס קלאן" וועט אפגעהאלטען ווערען דעם 9טען פעברואר אין ניו סטאר קאסינא, און דער דזשאינט באארד ווערט געבעטען צו שטיצען דעם מאס מיטינג מאראליש און פינאנציעל.

וואס אנבאלאנגט די מאראלישע שטיצע, ווערען אלע קלאוק מאכערס איינגעפאדערט אנוועזענד צו זיין צו דיזען מיטינג, וועלכער וועט אדרעסירט ווערען פון פראמינענטע רעדנער פון דער ארבייטער באוועגונג; וואס אנבאלאנגט די פינאנציעלע שטיצע, ווערט די פראגע איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

דזשענעראל מענעדזשער'ס באריכט.

ברודער פיינבערג באריכטעט, אז וואס אנבאלאנגט דעם טרייד פאנגט אן ארבייט, און די קלאוקמאכערס וועלען אין דער נאהענטער צוקונפט זיין באשעפטיגט.

ברודער פיינבערג באריכטעט אז דער אפיס סטעף האט געהאט א מיטינג וואו פילע פראגען, און אויך די פראגע וועגען דעם מיליאן־דאלאר פאנד, זיינען אויפגענומען געווארען. די אפיסערס פארשטעהען ווי וויכטיג עס איז דאס די מעמבערס זאלען באצאהלען דעם גאנצען טעקס אזוי אז די יוניאן זאל זיין פינאנציעל פארבאריטעט צו דעם נעקסטען קאמף וואס די יוניאן ערווארטעט מיט די מאנופעקטשורערס.

די פראגע פון דעם מיליאן־דאלאר פאנד ווערט דיסקוטירט, און ברודער ברעסלאו, דער מענעדזשער פון לאקאל 35 רעקאמענדירט, דאס אן איינפארמיגער בריעף זאל ארויסגעשיקט ווערען פאר אלע לאקאלס און די לאקאלס זאלען דעם בריעף ארויסשיקען צו אלע זייערע מעמבערס, אויפפאדערענדיג זיי צו באצאהלען דאס איבריגע געלד אויף דעם מיליאן־דאלאר פאנד.

די רעקאמענדאציע פון ברודער ברעסלאו ווערט גוט געהייסען.

באארד אוו דירעקטארס באריכט.

ברודער ראפאלאוויטש, א מעמבער פון לאקאל 17, וועמעס פוס איז געשעדיגט געווארען ארבייטענדיג ביי דער מאשין, פארלאנגט פינאנציעלע שטיצע. זיין פארלאנג ווערט איבערגעגעבען צו די דזשענעראל אפיסערס און א קאמיטע באשטעהענדיג פון די ברידער ברוק, אונגער און פימשערסקי.

מענעדזשערס' באריכטען.

ברודער פריזאמט באריכטעט אז די פירמא איצקאוויטש בראדערס איז צופרידען צו געבען איהרע לייטע א קאנטראקט פאר 18 וואכען צייט מיט דער באדינגונג אז זיי זאלען ארונטערלאזען פון זייערע ווייזשעס.

דיזע פראגע רופט ארוים א דיסקוסיע און עס איז די איינשטימיגע מיינונג פון דער באארד אוו דירעקטארס צוריקצואווייזען דאס.

ברודער ניסנאוויטש באריכטעט אז דער סטרייק נעגען דער פירמע קאפלאן און זוויינשטיין איז געסעטעלט געווארען. די פירמע האט צוגעשטימט צו געבען די ארבייטער דעם אלטען פרייז, און האט אויך געגעבען טויזענד דאלאר סעקיוריטי אז זי וועט ניט מעהר שיקען קיין ארבייט צו אויטסייד שעפער.

ער באריכטעט אויך אז דער סטרייק געגען דער פירמע פלאשבערג איז געסעטעלט געווארען. די פירמא האט צוגעשטימט צו צאהלען די ארבייטער דעם אלטען פרייז.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

ל. לאנגער, סעקרעטער.

מיטינג פון דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 28טען יאנואר, אין 16 וועסט 21טע סט. ברודער הערי בערלין אלס טשערמאן.

דער רעפארט פון לעצטען מיטינג איז פארגעלעזען און גוטגעהייסען געווארען.

דער רעפארט פון דעם באארד אוו דירעקטארס ווערט אויפגענומען:

מיני ראסמאן איז ערשינען פאר דער באארד אוו דירעקטארס, ערקלעהרענדיג, דאס די פירמע גראס ענד ווייס, וואו זי האט געארבייט, האט זי דיסטשארדזשד. ברודער שאפירא, ביזנעס איידזשענט, איז אויפגעפאדערט געווארען צו ערקלעהרען וואס ער וויים וועגען דער קייס. ער האט איבערגעגעבען דער באארד אוו דירעקטארס די סטייטמענטס, וואס די שאפ־טשערליידי און אנדערע ארבייטער פון שאפ האבען איהם געזאגט. דער באארד אוו דירעקטארס רעקאמענדירט איבערצוגעבען די אנגעלעגענהייט צו דער „קאמיטע אן אימידיאייט עקשאן".

א קאמיטע פון טשארלס סיעמענס איז ערשינען. זיי האבען ערקלעהרט, דאס זייער פירמע האט צוריק מיט א 10 וואכען אפגעלעגט אלע ארבייטער פאר אן אונבאשטימטער צייט און לעצטע וואך זיינען אלע ארבייטער אויסער 2 צוריקגערופען געווארען צו דער ארבייט, און אז זיי האבען גערעדט מיט דער פירמע, וועלכע האט זיך ענטזאגט זיי צו געבען ארבייט. די רעקאמענדאציע פון באארד אוו דירעקטארס איז, אז דער דזשאינט באארד זאל נעהמען א שטעלונג נעגען דער פירמע טשארלס סיעמענס.

א צושריפט פון לאקאל 89 האט געלויטעט, דאס פון דעם 31טען יאנואר וועט זייער הויפט־אפיס דירעקט קאלעקטען אלע געלדער פון די ברענטש־אפיסעס ביז דער דזשאינט באארד וועט ווערען די איידזשענסי פאר אלע ברענטש אפיסעס. ברידער ארעצקי, ריעזעל און פערנום ווערען אפאינטעט אלס קאמיטע צו אונטערזוכען דיזע אנגעלעגענהייט און אריינצוברענגען זייער רעקאמענדאציע צום נעקסטען באארד אוו דירעקטארס מיטינג.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון לאקאל 58, אין וועלכען זיי פארלאנגען, דאס דער דזשאינט באארד זאל נעהמען אין אנבאטראכט, אז זיי האלטען אויף א ביזנעס איידזשענט אויף זייער רעכענונג, דארום פארלאנגען זיי, דאס דער דזשאינט באארד זאל זיי ניט רעכענען קיין אויסגאבען. נאך אן אויספיהרליכער דיסקוסיאן, ווערט באשלאסען דאס לאקאל 58 זאל זיין בארעכטיגט צו דער פראפארציאן אויסגאבען פון איהר טייל פון דעם ביזנעס איידזשענט. וואס אנבאלאנגט אנדערע אויסגאבען, זאל דאס גערעכענט ווערען צו לאקאל 58 ביל.

דער אינדעפענדענט דזשאבבערס אגרימענט ווערט פארגעלעזען, אין וועלכען עס געפינט זיך א נייער פונקט וועגען אונזער דזשאינט באארד'ס קאנטראל איבער אלע ארבייט, וואס ווערט ארויסגעשיקט און עס קומט אריין. עס זאל זיך געפינען א געוויסער מארק, מיט וועלכען די שאפ־טשערלייטע וועלען באקאנט ווערען דורך אונזערע אינוועסטיגייטארס, צו זיין אימשטאנדע צו וויסען צו יעדער צייט וועלכע ארבייט איז פון און צו יוניאן דזשאבבערס און וועלכע איז נים. די מיינונגען פון די באארד אוו דירעקטארס איז, אז דאס וועט פיל מיטהעלפען צו קאנטראלירען יוניאן־סטאנדארדס.

א צושריפט ווערט פארגעלעזען פון דעם איטאליענישען טשעמבער אוו לייבאר, אין וועלכען זיי ערקלעהרען, דאס אזוי ווי זיי וויסען דאס אין גיכען וועלען מיר האבען א דזשענעראל סטרייק, דארום שלאגען זיי פאר זייער הילף. דער באארד אוו דירעקטארס רעקאמענדירט צו באדאנקען דעם איטאליענישען טשעמבער אוו לייבאר און ספעציעל ארטורא דזשיאוואניטי, איהר סעקרעטאר, און ענטפערען זיי, דאס מיר וועלען זיי לאזען וויסען אין צייט וואס פאר א הילף מיר וועלען פארלאנגען פון זיי.

די אינטערנעשאנאל שיקט אריין א צושריפט, אין וועלכען זי פארלאנגט, דאס דער דזשאינט באארד זאל אפאינטען די דעלעגאטען צו מיטען שבת, דעם 29טען יאנואר, מיט פארטרעטער פון לאקאלס 22, 23, 25 און א קאמיטע וואס איז אפאינטעט געווארען ביים לעצטען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד מיטינג אין באסטאן וועגען דעם דזשאינט באארד פון דער דרעס און ווייסט מייקערס יוניאן'ס רעכט צו האבען קאנטראל איבער דעם דרעס־טרייד. שוועסטער קראנהארדט, ברידער בערלין און היימאן וועהען אפאינטעט צו פארטרעטען דעם דזשאינט באארד.

לאקאל 25 און 66 באנאכריכטען דעם דזשאינט באארד, דאס זיי האבען שוין אפאינטעט צו דעם דזשאינט באארד די 5 מעמבערס צו דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע. עס ווערט באשלאסען, דאס דער סעקרעטאר זאל באויפטראגען אלע מעמבערס צו ערשיינען צום נעקסטען מיטינג פון דזשאינט באארד.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען לעצטע וואך וועגען דער יוניטי־הויז באריכטעט, דאס זיי האבען באשלאסען זיך ניט צו ווענדען צו דער אינטערנעשאנאל פאר א הלואה, נאר אנשטאט דעם האבען זיי באשלאסען צו רעקאמענדירען, דאס דער דזשאינט באארד זאל ערוועהלען א קאמיטע פון 7, וועלכע זאל האבען די אויפזיכט איבער אלע יוניטי־הויז אנגעלעגענהייטען.

דער דזשאינט באארד, נעהמענדיג אין אנבאטראכט, דאס נאך ניט אלע לאקאלען האבען געהאנדעלט וועגען דיזער זעהר וויכטיגער פראגע, באשליסט זי צו ווארטען מיט דער האנדלונג ביז מיר וועלען אריינקריגען די איבעריגע ענטפערס.

די ענטערטיינמענט קאמיטע פאר קר מענהען דזשענעראל סטרייק באריכטעט, דאס א פאלשטענדיגע פראגראם איז אויסגעארבייט געווארען פון זיי נים צו דערלאזען די סטרייקערס זאלען זיך לאנגווייליגען. לויט זייער פלאן, מעג מען זיך פארלאזען פאר זיי.

די קאמיטע, וועלכע איז אפאינטעט געווארען צו אונטערזוכען די קלאגע נעגען שוועסטער ראטסטיין ווערט אויפגעפאדערט אריינצוברענגען איהר באריכט נים שפעטער ווי צום נעקסטען מיטינג.

ברודער זיגמאן, דזשענעראל מענעדזשער, באריכטעט, דאס צוזאמען מיט די מענעדזשערס און סעקרעטער האט ער צונעגרייט כמעט אלע נויטיגע פארמס און פרינטינג פאר דעם דזשענעראל סטרייק, און דאס ברודער י. לעווין פון לאקאל 10 האט איינגעוויליגט צו האבען די פאראנטווארטליכקייט פאר דער אינפארמיישאן ביורא און דאס די אינפארמיישאן ביורא וועט זיך געפינען אין אפיס פון לאקאל 10, 7 וועסט 21טע סטריט.

זיין רעקאמענדיישאן, דאס דער רעוואלווינג פאנד פון סעקרעטערי זאל פארדאפעלט ווערען, ווערט גוטגעהייסען און די דעלעגאטען ווערען אינסטרואירט צו זעהן, דאס זייערע לאקאלען זאלען אריינשיקען צוויי מאל זייער רעגולערע סומע פאר דעם רעוואלווינג פאנד.

דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

מ. ק. מאקאוו,
סעקרעטער דזשאינט באארד.

דער אינטערנעשאנאל כאר.

אין אונזערע קרייזען האט זיך שוין לאנג געפיהלט די נויטיגקייט צו האבען אן אייגענעם כאר, וואס זאל פון צייט צו צייט ארויסטרעטען צו אונזערע שמחות.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט זיך איצט אונטערנומען אזא כאר צו שאפען. א כאר פון מענער און פרויען פון אונזערע לאקאלס. צו זינגען אין א כאר מוז מען ניט דוקא האבען ערשטע קלאסע שטימען. יעדער שטימע קען מיטזינגען אין א כאר.

דער אינטערנעשאנאל כאר וועט איינשטודירט ווערען און וועט זיין אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם בארימטען מוזיקער א. פיראזשניקאף דער קאנצערטינא מייסטער.

דער כאר ווערט איינשטודירט יעדען פרייטאג אווענט, אין וויסטמאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סטריט. קומט און שליסט זיך אן.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President
A. BAROFF, Sec'y-Treas.
S. YANOFSKY, Editor.
ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III, No. 6. New York, Friday, Feb. 4, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 26, 1919.

אלעס צוגעגרייט פאר דעם דזשענעראל סטרייק פון די דרעס און וויסט מייקערס

(שלוס פון זייט 1.)

אזוי, דער אפיס פון דעם דזשאינט באארד פון דער דרעס און וויסט אינ־דוסטריע איז אין די לעצטע פאר וואכען, זייט מען האט אנגעהויבען הערען פון דער דערנעהנטערונג פון סטרייק, טאג־טעגליך באלאגערט פון הונדערטע פון מענשען, וועלכע האלטען אין איין פרעגען מיט אונ־גערולד: „ווען וועט שוין דער סטרייק גערופען ווערען?“

די דאזיגע מענשען רעפרעזענטירען מיט זיך אין דעם געפיהל פון גרויסער ערווארטונג ניט בלויז זיך, נאר די טויזענ־דע און צעהנדליגע טויזענדע אין די שע־פער. איצט, ווען זיי ווייסען, אז דער סטרייק וועט באלד גערופען ווערען, איז קוים, וואס זיי קענען זיך דערווארטען און בלייבען אין זייערע שעפער. אבער זיי ווייסען, ווי וויכטיג עס איז, אז די יוניאן זאל געבען דעם סיגנאל צום סטרייק, און ווי וויכטיג עס איז, אז די טויזענדע און טויזענדע דרעס־מאכער און וויסט־מאכער זאלען אוועקלעגען זייער ארבייט און פארלאזען זייערע שעפער אין איין און דער זעלבער סעקונדע, אזוי אז זיי אליין, און די גאנצע וועלט, זאל זעהן בחוש, אז אלע די טויזענדע און טויזענדע, ווי פאר־שידען זיי מעגען זיין זאנסט אין זייערע געדאנקען, אבער אין דעם פרט פון קאמף זיינען זיי אלע באהערשט פון איין גע־פיהל, און דערפאר האנדלען די טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע, ווי איין מענש.

עס איז געוויס איבעריג צו אפעלי־רען צו די דרעס־מאכער און וויסט־מא־כער ניט צו פארבלייבען אין די שעפער, ווען די יוניאן וועט זיי רופען צום קאמף. זיי געהערען דאך ניט צו די ארבייטער און ארבייטערינס, ביי וועמען א סטרייק איז עפעס א נייעס. די פילע פריהערדיגע קעמפע פון די דרעס און וויסט מייקערס אונטער דעם באנער פון זייער יוניאן ביל־דען ווירקליך דעם שענסטען קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־באוועגונג. אין א געוויסען זין זיינען עס דאך געווען די לידיס וויסט מייקערס, וועלכע האבען די ערשטע, נאך א לאנגען קריזיס און נאך א לאנגער נידערשלאגענ־הייט פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג, ווידער אנגעהויבען א קאמף פאר מעהר מענשליכע ארבייטס־באדינגונגען, און זיי האבען דאן געהאט דעם ערשטען זיג נאך א לאנגען בלוטיגען קאמף. דאס איז געווען מיט א יאהר צוועלף צוריק, ווען די יוניאן איז נאך געווען אין איהר קינדהייט, און דאך האבען זיי דאן אזוי בראוו און אזוי סאלידאריש געקעמפט, ביז זיי האבען געוואונען. קען דען זיין איר־גענד א צווייפעל וועגען דעם איצטיגען קאמף?

ניין, מיר ווייסען, אז איין שעהנעם טאג אין דער קומענדער וואך אין א גע־וויסער באשטימטער שטונדע, ווען דער סיגנאל צום קאמף וועט געגעבען ווערען פון דעם דזשאינט באארד אין דער דרעס־און וויסט־אינדוסטריע, וועט אין קיין שאפ, וואו נאך דרעסעס און וויסטס ווע־רען געמאכט קיין איינציגער ארבייטער אדער ארבייטערין ניט פארבלייבען.

אלע, אלע אהן אן אויסנאהמע וועלען ארונטערגעהן פון זייערע שעפער אין גאס ארויין, פון גאס אין די האלס, און דארט וועט מען גלייך זיך נעהמען צו דער גרוי־סער ארבייט, צו דעם ארגאניזאציאנס־קעמפיין, וואס דאס איז דער הויפט־ציל פון דעם סטרייק, אזוי דאס אין עטליכע טעג שפעטער זאל די גאנצע דרעס־ און וויסט־אינדוסטריע זיין אונטער דעם פאלשטענדיגען קאנטראל פון דער יוניאן.

יע, עס איז שוין צייט, אז די דרעס־און וויסט־אינדוסטריע זאל איינמאל פאר אלע מאל פונקט אזוי גוט זיין ארגא־ניזירט, ווי עס איז די קלאוק־אינדוסטריע, אז די דרעס־ און וויסט־מייקערס זאלען קענען מאכען אזא שעהנעם לעבען און ארבייטען אונטער אמת'ע יוניאן־קאנדי־ציאנען, ווי זייערע ברידער און שוועסטער פון דער קלאוק־אינדוסטריע. און דער סטרייק האט הויפטזעכליך אין אויג אט די דערגרייכונג פון דעם ציל.

אין דעם זין איז דער איצטיגער קאמף דער וויכטיגסטער פון אלע ביז איצט אויסגעפאכטענע קעמפע, און יעדער איי־נער, וואס וועט פארבלייבען ארבייטען, ווען דער רוף צום קאמף וועט געגעבען ווערען, וועט דערמיט באגעהן דעם גע־מיינסטען פארראט געגען די ארבייטער און זייערע אינטערעסען. יעדער איינער, וואס זאל אויף וועלכען עס איז אופן שטע־רען דעם איצטיגען קאמף אין דער אויס־פיהרונג פון זיין גרויסען ציל, וועלכע עס זאלען ניט זיין זיינע בלומרשטדיגע מא־טיווע, מעג זיך ריכטען געשטעמפעלט צו ווערען אלס פאררעטער און אלס ווערקצייג פון די באסעס.

אבער מיר גלויבען ניט, אז אין די רייהען פון די דרעס־מאכער און וויסט־מאכער זאלען זיין אזעלכע סוביעקטען. מיר גלויבען פארקעהרט, אז וועלכע חלוקי דעות עס האבען געמעגט זיין פריהער, איצט אבער, אין צייט פון קאמף, זייען פארשוואונדען אלע מיינונגס־פארשיידענ־הייטען. איצט זיינען אלע פאראייניגט אין דעם איינציגען שטרעבען צו מאכען דעם קאמף פאר אן ערפאלג, פאר אן ער־פאלג אין ביידע הינזיכטען, סיי אז אין דער גאנצער דרעס און וויסט אינדוס־טריע זאלען הערשען די בעסט־מעגליכע יוניאן־פארהעלטניסע, און סיי אז די גאנ־צע אינדוסטריע זאל אזוי ארגאניזירט ווע־רען, אז די יוניאן זאל קענען האבען אי־בער איהר דעם פולסטען קאנטראל, אזוי, אז עס זאל ניט מעגליך זיין א ניט־יוניאן־שאפ, וועגען וועלכען די יוניאן זאל ניט ווייסען.

נון, נאך א מאל: די וואך אין א גע־וויסען טאג וועט דער סטרייק גערופען ווערען. אלעס איז פארבאריייטעט דערצו. דער לעצטער שריט, א בריף צו די טשער־לייטע פון די שעפער, אין וועלכע עס ווע־לען זיי געגעבען ווערען די לעצטע און וויכ־טיגסטע אינסטרוקשאנס, ווערט ארויסגע־שיקט. און דאן דער קאמף, דער קאמף פאר אן אמת'ען יוניאן־שאפ, דער קאמף פאר א גרינדליכער ארגאניזירונג פון דער גאנצער דרעס־ און וויסט־אינדוסטריע.

אייניג און געשלאסען, און אין דער בעסטער ארדנונג זאלען די ארבייטער און די ארבייטערינען פארלאזען זייערע שע־פער, ווען דער סיגנאל צום קאמף וועט פון דער יוניאן געגעבען ווערען. און דאן — פון קאמף צום זיג, דרעס־ און וויסט־מאכער פון ניו יארק!

דער ערשטער שריט פון הילף פאר די אמאלגאמייטעד סטרייקער

דער באשלוס פון דעם דזשענעראל עק־זעקוטיוו באארד, אז יעדער ארבייטער אין אונזערע אינדוסטריען זאלען באווילינגען צוויי שטונדען ארבייט פאר די אמאלגא־מייטעד־סטרייקער, וועט, ווי עס זעהט אויס, גאר אין גיכען פארווירקליכט ווע־רען.

דזשענעראל סעקרעטער און טרעזשו־רער אב. באראף האט ארויסגעשיקט א בריף צו אלע מענעדזשערס פון דזשאינט באארד לאקאלס אז זיי זאלען דעם פריי־טאג זיך צוזאמענקומען צו א מיטינג אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל און גלייך זיך נעהמען אויספיהרען דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד.

מיר וועלען העכסט־ווארשיינליך שוין אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט“ קע־נען באריכטען, וואס די מענעדזשערס פון די לאקאלס האבען באשלאסען צו טאן אין דער אנגעלעגענהייט. פארשטעהט זיך, אז אויף דעם מיטינג וועט זיך ניט האנדלען וועגען דעם, צי דאס זאל יע אדער ניט געטאן ווערען. געטאן ווערען מוז עס; דאס איז דער באשלוס פון דעם ג. ע. ב. די פראגע איז נאר, ווי דאס זאל געטאן ווערען, און ווי שנעל, אז דער באשלוס זאל ברענגען די בעסטע רעזולטאטען פאר די סטרייקער, וועלכע זיינען, אגב אורחא, שוין די צעהנטע וואך אין קאמף, און זיינען פונקט אזוי מוטיג און ענטשלא־סען אנצוהאלטען זייער קאמף פאר זייער יוניאן, פאר זייערע רעכטע אלס יוניאן־ארבייטער, ווי אין דעם ערשטען טאג, ווען דער קאמף איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געווארען.

מיר ווילען האפען, אז אונזערע יונ־יאנס און די דזשאינט באארדס אין די אנדערע שטעדט אויסער ניו יארק וועלען טאן דאס זעלבע, און גלייך זיך נעהמען צו דער פארווירקליכונג פון דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין באסטאן. זאל נאר דער באשלוס ריכ־טיג דורכגעפיהרט ווערען, וועט עס זיין די בעסטע און די ווירקזאמסטע הילף, וואס די אינטערנעשאנאל קען ביישטייערן צו דעם אמאלגאמייטעד סטרייק אין דעם איצטיגען מאמענט.

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

די פראפאגאנדא פאר 8 סענט פעיר.

די קאר און סאבוויי קאמפאניעס, צו־זאמען מיט זייערע אפיציעלע און ניט־אפיציעלע ארויסהעלפער זיינען, קענטיג, ענטשלאסען אין די קומענדע עטליכע חדשים ארויסצוצווינגען אויף ניו יארק אן 8 סענט פעיר, צי די ניו יארקער ווילען דאס, צי ניט.

זיי האבען אלע אורזאכען זיך צו איילען. פאר די לעצטע פינף יאהר זיי־נען די פרייזען אויף אלע לעבענס־מיטלען און לוקסוס ארטיקלען געשטיגען אומגע־הויער הויך. אבער די קאר און סאבוויי קאמפאניעס האט זיך ניט איינגעגעבען צו איבערצייגען דעם עולם, אז זיי קאנען קיין לעבען ניט מאכען מיט א ניקעל פעיר, אז זיי קריגען ניט קיין פראצענט געלד אויף „זייער“ אינוועסטמענט, אויף דעם קאפיטאל וואס איז ארייננעלייגט געווארען אין די קארס און סאבוויים, כאטש ס'איז א פאקט, אז דעם קאפיטאל האט ארייננעלייגט די שטאדט און ניט די קאמפאניעס. אלזא, די „פעטע“ פינף יאהר זיינען פאר די „טרעקשאן“ מאגנא־טען אוועק ווי אין ניוועץ, און איצט קומען אן די מאגערע יאהרען, ווען פרייזען פא־לען, ווען אלצדינג ווערט ביליגער, ווילען, הייסט עס, די קאר־קאמפאניעס זיך אונ־טעראיילען און מאכען דעם לעצטען דרייוו געגען די פאקעטס פון עולם. איצט אדער קיינמאל. אדער זיי וועלען איצט קריגען א רעיז אויף דריי סענט, אדער זיי וועלען בלייבען ביים פריהערדיגען ניקעל.

דערפאר איז עס אין די לעצטע עט־ליכע וואכען אנגעפיהרט געווארען אזא טיכטיגע פראפאגאנדא פאר אן 8 סענט פעיר. אין ניו יארק האט זיך די ארימע בעלי העגלות אונזערע ניט איינגעגעבען צו קריגען נאך א פאר גראשען, האבען זיי זיך איצט געווענדעט צו אלבאני, וו[illegible] זיי האבען אן אייגענעם מענשען און טאקי א גאנץ אנגעזעהענעם — גאווערנאר מילער אליין, בכבודו ובעצמו. אין זיין „מע־סעדזש“ צו דער לעדזשיסלייטשור וועגען דער פראגע פון שטאדט־פארקעהר פא־דערט דער גאווערנאר אויף די געזעצמא־כער, אז זיי זאלען אוועקנעהמען ביי די איינצעלנע שטעדט (מיינענדיג ניו יארק) די דעה איבער זייערע פארקעהר ליניען און איבערגעבען די גאנצע מאכט איבער די שטאדטישע ליניען פון אלע שטעדט פון ניו יארק סטייט צו א קאמישאן, וואס ער, דער גאווערנאר, זאל באשטימען. ווען דער פלאן זאל דורכגעפיהרט ווערען, וועט דאס מיינען, אז דעם גאווערנאר'ס „אייגענע מענשען“ פאליטישענס פון אפ־סטייט, וועלען קאנען באשטימען ווי גרויס די פעיר זאל זיין אין ניו יארק. מען קאן זיך פארשטעלען ווי גוט אזא קאמי־שאן וואלט פארטיידיגט און פארטראטען די אינטערעסען פון די קארגע זעקס מי־ליאן ניו יארקער איינוואוינער.

די ארגאניזירטע ארבייטער פון דעם סטייט, ארייגשליסענדיג די סטייט פעדע־רישאן אוו לייבאר און דעם „ניו יארק סיטי סענטראל טרייד ענד לייבאר קאונ־סיל“ האבען דערוויל קלאר געמאכט זיי־ער שטעלונג צו אט דעם פארזוך פון די פאליטישענס צו ארייגכאפען אין זייערע הענט די „גערוועט סיסטעם“ פון ניו יארק.

מאסמיטינגען זיינען ארגאנזשירט גע־ווארען אין אלע טיילען פון שטאדט צו פראטעסטירען געגען אזא אטאקע אויף די רעכט און די פאקעטס פון די ניו יאר־קער איינוואוינער. ס'איז געוויס ניט זיכער, אויב די מיטינגען וועלען פיעל העלפען, ווייל די רעפובליקאנער פאלי־טישענס זיינען, קענטיג, ענטשלאסען דורכצופיהרען זייער פראגראם און אן דער שפיץ פון אט די פארמערישע פאלי־טישענס שטעהט גאווערנאר מילער אליין, וועלכער איז שוין פון יאהרען לאנג אן „איינגענער מענש“ ביי די טרעקשאן מאג־נאטען.

קיין ארבייטער־געזעצגעבונג פאר ניו יארק.

עס איז שוין איצט קלאר, אז יעדער פארזוך דורכצופיהרען גינסטיגע ארביי־טער געזעצען אין דער לעדזשיסלייטשור פון ניו יארק, איז פאראויס פאראורטיילט צו א דורכפאל.

געוועהנליך זוכען פאליטישענס צו פארמאסקירען זייערע אמת'ע מיינונגען און אבזיכטען אין אזא פראגע. עס איז ניט טאקטיש, פון דעם פאליטישענ'ס שטאנדפונקט, זיך אפען צו שטעלען גע־גען געזעץ־פראיעקטען, וואס קוקען אויס צו זיין פראגרעסיוו אדער גינסטיג פאר די ארבייטער. אזעלכע בילס ווערען גע־וועהנליך ארייגגעבראכט אין דער לעד־זשיסלייטשור און ווערען אוועקגעלייגט אין די ווייטע פאליצעס פון די סאב־קאמ־מיטעס.

איצטער איז אבער אנ'אנדער צייט, א צייט פון אפענער רעאקציע, פון אפע־נער פיינדליכקייט צו די ארבייטער, און די פאליטישענס געפינען זאגאר ניט פאר נויטיג צו פארמאסקירען זייער שטעלונג צו גינסטיגע ארבייטער געזעצען.

א מוסטער פון אזא כמעט חוצפה'־דיגער באציהונג צו די אזוי גערופענע „וועלפעיר בילס“ האט גאווערנאר מילער געגעבען לעצטע וואך אין אלבאני אויף דעם מיטינג פון דער ניו יארקער „סטייט ליעג אוו ווימען וואוטערס“. זיין רעדע, וואס ער האט דארט געהאלטען, איז גע־ווען אזוי שטוינענד רעאקציאנער פון אנהויב ביז סוף, אז זי האט אויפגערו־דערט אפילו די באלעבאטישע פרויען, וואס זיינען געוויינליך ניט צו פריינדליך צו די ארבייטער. ער האט אטאקירט די פארשיעדענע פראגרעסיווע קערפערשאפ־טען אין ניו יארק, וואס זוכען דורכצופיה־רען געזעצען געגען נאכט־ארבייט פאר פרויען און קינדער, זאגענדיג, אז ער ווייסט פערזענליך, „אז אזא געזעץ האט געטאן פיעל שלעכטעס צו פיעלע פרויען, וואס זייער געזונט דארף ניט געשיצט ווערען“. ער האט אטאקירט די באוועגונג צו אינשורען ארבייטער געגען קראנקהייט, ווייל דאס וועט ענטמוטיגען די ארבייטער צו זיין קראנק.

זיין רעדע אויף יענעם מיטינג איז געווען א מין פראגראם־רעדע פון דעם פיהרער פון דער הערשענדער פארטיי, וואס האט אנגעגעבען די שטעלונג פון זיין פארטיי צו די פאדערונגען פאר פרא־גרעסיווע און ארבייטער־פריינדליכע גע־זעצען. דער ווערט פון דער רעדע איז אין איהר ברוטאלער אפענהערציגקייט. די ארבייטער ווייסען איצט, אויב זיי האבען דאס ביז אהער ניט געוואוסט, אז זיי האבען ניט צו ערווארטען פון אלבאני, אויסער פיינדליכקייט און אונטערדריקונג. די לעדזשיסלייטשור פון איין זייט און די קאורטס פון דער אנדערער, האבען זיך פאראייניגט „צו לערנען בלק“ מיט די ארגאניזירטע ארבייטער. וואס עס פארבלייבט צו טאן פאר די ארבייטער איז פעסטער צוזאמענצושליסען זייערע רייען און אנפיהרען אן ענטשלאסענעם פארטיידיגונגס־קאמף געגען די אטאקעס פון די אפיציעלע רויבערישע באנדעס פון סטייט.

די דייטשע קאנטריבוציע.

די גרעסטע אייראפייאישע נייעס פון דער וואך איז, נאטירליך, דער באשלוס, וואס די זיעגרייכע לענדער האבען אנגע־נומען וועגען דער דייטשער קאנטריבוציע.

מען קאן נאך אייגענטליך ניט וויסען גענוי, וואס די באשלוסען זיינען. שוין אזוי פיעל בבא מעשות האבען מיר זיך אנגעהערט פון די אייראפעיאישע קא־רעספאנדענטען, אז מען דארף זיין פאר־זיכטיג און ניט נעהמען אלץ, וואס זיי דערצעהלען אונד פאר גוט געלט.

עס שיינט אבער, אז די דייטשע אר־בייטער האבען איצט א מעגליכקייט גע־נוי אויסצורעכענען וויפיעל יאהרען אדער דורות זיי וועלען מוזען צאהלען, לויט דער באשטימטער קאנטריבוציע־פראג־ראם, פאר די ברוטאלע פארברעכענס פון מיליטאריזם. מיר דארפען דא ניט רע־דען וועגען דער גענויער סומע. זי איז גרויס, אזוי גרויס, אז דער מענשליכער מוח קאן זי גאר ניט פארשטעלען זיך. עס איז כאראקטעריסטיש פאר דעם בלאדען גייסט פון דער פראנצויזישער בורזשוא־זיע, אז ארויפלייגענדיג אט די אומ־גלויבליכע קאנטריבוציע, איז זי ארויס־געגאנגען פון דעם שטאנדפונקט, אז מען טאר דייטשלאנד ניט געבען קיין מעגליכ־קייט אויפצוהויבען דעם קאפ עקאנאמיש און ווידער פארנעהמען א פלאץ אלס א קאמערציעלע און אינדוסטריעלע מלוכה. אין איהר בלינדקייט איז די פראנצויזישע בורזשואזיע אזש דערגאנגען צו אונזין. פון איין זייט צווינגט זי דייטשלאנד צו צאהלען גוואלדיגע סומען מיט פאברי־צירטע פראדוקטען און פון דער אנדערער זייט דערשטיקט זי דייטשלאנד אזוי, אז עס זאל פאר דעם לאנד זיין אוממעגליך אנצופיהרען וועלכע ס'איז אינדוסטריע.

דער שטאנדפונקט פון די ארבייטער — און דאס וועט אין גיכען אנערקענט ווערען פון אלעמען — איז, אז אזא קאנ־טריבוציע־פראגראם וועט מען קיינמאל ניט קאנען דורכפיהרען. די ארבייטער באוועגונג אין דייטשלאנד און איבעראל אין אייראפא באוועגט זיך שנעל אויף לינקס, און זיי וועלען ניט דערלאזען, אז ארבייטער קלאס פון א לאנד זאל אויף אייביג פאר־משכנ'ט און פארשקלאפט ווערען צו א קליקע גרויס־פינאנסיסטען.

אמאלגאמייטעד סטרייקערס אין מעדיסאן סקווער גארדען.

אין דעם „אמאלגאמייטעד“ סטרייק איז די וויכטיגסטע פאסירונג פון לעצטער

די סקווירט און דרעס דיוויזשאן פון דער קלאוקמאכער יוניאן

די צאהל שעפער, די צאהל ארבייטער, די צאהל אין יעדען פאך פרויען און מענער אין דער אינדוסטריע, ווער קאנטראלירט דיזע שעפער, די פארדינסטען פון די ארבייטער אין דיזע צוויי צווייגען פון דער קלאוק אינדוסטריע.

ענטנומען פון רעפארט פון ס. פ ר י ו א מ ט, מענעדזשער פון דער סקווירט און דרעס דיוויזשאן פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

אויב איהר ווילט נעהענטער באקאנט ווערען מיט דער לאגע פון די ארבייטער אין סקווירט און דרעס טרייד, דאן ראטען מיר אייך צו לעזען דעם באריכט פון ס. פריואמט, דער מאן וואס האט אויפזיכט איבער דיזען דעפארטמענט פון דזשאינט באארד. דער באריכט איז אנגעפיקעוועט מיט ציפערען און סטאטיסטיקס (איבער־געגעבען אין אן איינפאכען אופן), וואס זיינען פול מיט אינטערעס צו יעדען אר־בייטער פון קלאוק טרייד, און ספעציעל צו יעדען ארבייטער פון דער סקווירט און דרעס אינדוסטריע.

מיר, נאטירליך, האבען ניט גענוג פלאץ צו דרוקען דעם גאנצען רעפארט. איבערהויפט גלויבען מיר ניט, אז אלעס מוזען די מיטגלידער אויסגעפינען דורך זייער צייטונג. די מעמבערס פון לאקאל 23 און פון מינדערע לאקאלען קענען זיך אמאל מטריח זיין און קומען צו זייערען א מיטינג און דארטען קריגען איינצעל־הייטען. מיר ווילען דערפאר פאר אייך בלויז טאן די שווערע ארבייט — אנאלי־זירען דעם רעפארט, טרייען קלאר מאכען די באדייטונג פון אייניגע ציפערען, און די איבעריגע וועט איהר אונז ענטשולדי־גען.

דער סקווירט און דרעס דעפארטמענט פון דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער פאסט אויף אויף 420 שעפער, איינגע־טיילט ווי פאלגט: 207 סקווירט שעפער און 213 דרעס שעפער. אין אלע 213 דרעס שעפער ארבייטען 3169 ארבייטער, און אין אלע 207 סקווירט שעפער ארביי־טען 2108 ארבייטער. די צאהל ארביי־טער פון די סקווירט און דרעס שעפער צו־זאמענגענומען איז 5277.

פון די אנגעגעבענע ציפערען קענען זיך שוין אונזערע מעמבערס שאפען א שטיקעל באגריף וועגען דער שווערער אויפגאבע פון דעם סקווירט און דרעס דע־פארטמענט.

ווי איהר האט געזעהן, ארבייטען אין אלע סקווירט און דרעס שעפער 5277 אר־בייטער וועלכע זיינען צושפרייט איבער 420 שעפער. ווען איהר מאכט א פראס־טען חילוק און צוטיילט די צאהל ארביי־טער אויף די צאהל שעפער וועט איהר אויסגעפינען, אז די דורכשניטליכע צאהל ארבייטער אין א סקווירט שאפ אדער אין א דרעס שאפ איז ניט מעהר פון 13 (ריכ־טיג 12.59). עס איז ווירקליך צו בא־וואונדערען די מאכט פון איינינקייט, וועלכע קען צוזאמענעהמען אט אזעלכע קליינע אונבאדייטענדע הייפעלאך אר־בייטער און צוזאמענבינדען זיי אין אזא סאלידער קאמפאקטער מאסע.

עס וואלט אבער געווען אן אומרעכט צום דרעס טרייד, ווען מיר זאלען לאזען דעם איינדרוק, אז די דורכשניטליכע צאהל ארבייטער סיי אין די סקווירט שע־פער און סיי אין די דרעס שעפער איז 13. לויט די אנגעגעבענע ציפערען פון ברודער פריואמט וועלען מיר מוזען מאכען א קליינע קארעקציאן. זיין רעפארט ווייזט, אז די סקווירט שעפער זיינען באדייטענד קלענער, ווי די דרעס שעפער. די צאהל ארבייטער פון די סקווירט שעפער איז 2108 און פון די דרעס שעפער 3169. לויט די צאהל שעפער פון יעדער פאך באזונדער, קומט אויס אז די דורכשניט־ליכע צאהל ארבייטער אין א ניו יארקער סקווירט־שאפ איז 10 (10.14) און דער דורכשניט פון ארבייטער אין א דרעס־שאפ איז 15 (14.88). ניט אומזיסט שטעלט מיט זיך די סקווירט אינדוסטריע פאר א פראבלעמע פאר די מיטגלידער פון לאקאל 23.

די צוטיילונג פון די ארבייטער לויט די געשלעכטען איז אויך גאנץ אינטערע־סאנט. לויט די אנגעגעבענע ציפערען, זעהען מיר אז אין דער סקווירט אינדוסט־ריע ארבייטער 1603 מענער און 505 פרויען. אין דער דרעס טרייד ארבייטען 1844 מענער און 1325 פרויען.

דערפון איז צו זעהן, אז דער סקווירט טרייד איז צוזאמענגעשטעלט פון 24 פראצענט פרויען און 76 פראצענט מע־נער. דער דרעס טרייד ווידער באשטייט פון 58 פראצענט מענער און 42 פרא־צענט פרויען. דער פראצענט פאר די ארבייטער פון ביידע פאכען קומט אויס — 65 פראצענט מענער און 35 פראצענט פרויען. אלזא, ווי איהר זעהט, איז די פרוי א גאנץ וויכטיגער פאקטאר אין די־זען פאך.

די ארט און ווייזע ווי אזוי דיזע שע־פער ווערען קאנטראלירט איז גאנץ אינ־טערעסאנט צו וויסען. איבער אלע 420 שעפער, וועלכע זיינען צוזאמענגעפאסט אי־בער'ן גאנצען שטאדט, פאסען אויף ניט מעהר פון 6 ביזנעס איידזשענטס. יעדער ביזנעס־איידזשענט פאסט אויף אויף גע־נויע 70 שעפער. דאס מיינט נאך אבער ניט צו זאגען, אז די אויפגאבע פון יעדען ביזנעס איידזשענט איז די זעלבע. מיר זעהען, צום ביישפיעל, אז אבוואהל די צאהל שעפער פון יעדען ביזנעס איידזשענט איז גענוי די זעלבע, איז אבער די צאהל ארבייטער, וואס ארבייטען אין די שעפער פון יעדען ביזנעס איידזשענט גאנץ פארשידען. זיי לויפען צום ביי־שפיעל אזוי:

נאמען פון ביזנע סאיידזש.	זיין צאהל שעפער	ארבייטער אין שאפ
ס. פריואמט	74	1155
א. סטאום	68	922
ה. לעף	71	605
ס. ביילינסאן	67	1155
מ. קאראלינסקי	53	510
מ. לינר	73	930

מיר נעהמען זיך, נאטירליך, ניט אונ־טער צו זאגען וועלכען ביזנעס איידזשענט עס קומט מעהר קרעדיט פאר זיין אר־בייט, צי דעם וואס האט גרעסערע שע־פער מיט מעהר ארבייטער אין זיין דיס־טריקט, צי דעם, וואס האט קלענערע שע־פער מיט א קליינע צאהל ארבייטער, ווי ברודער קאראלינסקי, צום ביישפיעל. דער דורכשניט פאר אלע ארבייטער פון זיין דיסטריקט איז 10 צו א שאפ. דער דורכ־שניט פאר אפרייטארס אליין אין זיין דיסטריקט איז ניט מעהר ווי ארום 4. זי־כער איז זיין ארבייט, לויט אונזער מיי־נונג, א גאנץ שווערע און אמווייניגסטענס אנערקענטע. דערפאר קענען מיר זיך ניט צוריקהאלטען פון געבען איהם אונזער סימפאטיע.

אבער יעצט קומען מיר צו די פרעה־ליכע זאכען — די פארדינסטען פון די ארבייטער. ברודער פריואמט אין זיין רעפארט גיט איבער די פאלגענדע טאבע־לע:

דורכשניטליכע וועכענטליכע ווייד־זשעס אין סקווירט־טרייד:

אפרייטארס — — — —	$58.87
פינישערס — — — —	32.00
פרעסערס — — — —	48.32
קאטערס — — — —	49.67

דורכשניטליכע וועכענטליכע ווייד־זשעס אין דרעס טרייד (וואך־ארבייטער):

אפרייטארס — — — —	$63.60
פינישערס — — — —	31.17
פרעסערס — — — —	52.90
דרייפערס — — — —	35.10
קאטערס — — — —	52.70

דיזע טאבעלען צייגען, אז דער אפ־רייטאר איז דער בעסט באצאהלטער אין ביידע פאכען. די קאטער און פרעסערס קומען אריין נאך די אפרייטארס, מיט כמעט גלייכע פארדינסטען, און די פיני־שערס זיינען די קלענסטע פארדינערס אין ביידע פאכען. מסתמא איז דא א גאנץ גוטע עקאנאמישע אורזאכע, ווארום א פי־נישער פארדיענט ווייניגער ווי די איבע־ריגע ארבייטער. וואהרשיינליך, פאר־דערט זיך ווייניגער קענטניסע פאר דיזער סארט ארבייט, אדער ווייניגער פיזישע אנשטרענגונג. יעדענפאלס, קען דיזע טאבעלע דיענען אלס א קוואל פון אמבי־ציע פאר די פינישערס, צו זעהן קריגען גלייכבארעכטיגונג (ווי ווייט דאס איז מעגליך) אין דער אינדוסטריע.

די טאבעלע צייגט אויך, אז די דרעס טרייד ארבייטער פארדינען אביסעל מעהר פאר די סקווירט ארבייטער. דא איז אויך דא אן אורזאכע. די סקווירט־טרייד, ווי מיר האבען אויבען באוויזען, איז צושפליטערט אין קליינע שעפער אין ניו יארק און אויך אויסער ניו יארק. און עס איז טאקע ווירקליך צו באוואונדערען, דאס אבגעזעהן פון אלע שוועריגקייטען, וואס שטעהען אין וועג דער סקווירט אינ־דוסטריע, זיינען דאך די פארדינסטען פון די ארבייטער גאנץ צופרידענשטע־לענד.

אנדערע ווילען צושרייבען דעם בע־סערען צושטאנד פון דעם דרעס טרייד צו דעם פאקט, וואס אין דיזען פאך ארבייט א גרויסע צאהל פרויען, 42 פרא־צענט. אבער דאס ווילען מיר זיך ניט אונטערנעהמען צו אורטיילען.

נאך אן אינטערעסאנטער פאקט, און

מיר זיינען פארטיג. דער רעפארט צייגט, אז פון 1020 אפרייטארס אין סקווירט־טרייד, וועמעס פארדיענסטען עס זיינען גענומען געווארען, זיינען דא בלויז 74, וואס קריגען די סקייל. די איבעריגע קריגען העכער פון סקייל, וועלכע איז 48 דאלאר א וואך, און גרייכט אזוי הויך, ווי 85 דאלאר א וואך. דאס צייגט, אז בלויז 7 פראצענט פון די אפרייטארס (און אזוי מיט אנדערע פאכען) ארבייטען פאר'ן סקייל, און 83 פראצענט קריגען מעהר פאר'ן סקייל. דאס איז זעהר גוטע אינפארמאציע פאר די, וואס דיינקען, אז עס וואלט גאר ניט געשאדט, ווען די וויידזשעס פון די ארבייטער זאלען ארונ־טערפאלען צום סקייל. ווען דאס זאל פאסירען, וואלטען 93 פראצענט פון די מעמבערס באדייטענד געליטען, און דער־פאר טאקע דיינקען מיר, אז דאס וועט קיינמאל ניט פאסירען.

קאורט ווארפט ארויס די אינדזשאנקשאן קייס געגען רייגקאוט מייקערס יוניאן, לאק. 20

דיזען דינסטאג, דעם 25טען יאנואר, האט דזשאדזש קלעהען פון סופרים קאורט, אין ריטשמאנד קאונטי ארויס־געווארפען פון קאורט די אינדזשאנקשאן קייס און געלט דעמעדזשעס געגען דער רייגקאוט מייקערס יוניאן לאקאל 20 פון אונזער אינטערנעשאנאל.

דיזע קייס געגען דער רייגקאוט מיי־קערס יוניאן ציהט זיך שוין פאר די לעצטע 18 מאנאטען און איז ארויסגעוואק־סען אלס רעזולטאט פון א סטרייק וואס איז אנגעגאנגען אין דעם שאפ פון א גע־וויסען באס'ל דייוויד זילבער פון סטע־טען איילענד. אלס רעזולטאט פון דיזען אינדזשאנקשאן איז דיזען באס מיט דער הילף פון אן אומבאדייטענדען לאיער גע־לונגען צו מאכען א „פריים אפ" קאנ־טעמפט און קאורט־קייס נאך מיט א יאהר צוריק, אין וועלכען די באאמטע פון דער יוניאן, לואיס וועקסלער דער מענעדזשער, און סעם פרידמאן דער סעקרעטער, מיט נאך 6 מיטגלידער זיינען דאן פאר'משפט געווארען צו 30 טעג פריזאן. דאס אינ־טערעסאנטסטע דערביי איז, וואס נאך דעם ווי אלע לייטע זיינען אפגעזעסען די 30 טעג אין פריזאן האט די „אפעלייט די־וויזשאן" צוריקגעוויזען דעם באשלוס פון דזשאדזש אספינאל געגען די באאמטע פון דער רייגקאוט מאכער יוניאן.

אין מאנאט נאוועמבער איז די קייס ווידער פארגעבראכט געווארען פאר סופ־רים קאורט דזשאדזש בענעדיקט און אויף א טעכנישען פונקט איז די קייס ארויס־געווארפען געווארען פון קאורט. דער לאיער, וועלכער האט דיזען באסעל אריינ־געפיהרט אין א בלאטע האט ווידער אמאל באנייט די קלאגע געגען דער יוניאן און די באאמטע וועקסלער און פרידמאן, און יעצט איז די קייס צום צווייטען מאל ארויסגעווארפען געווארען פון קאורט.

די לאיערס, וועלכע האבען פארטרע־טען די יוניאן אין דער קייס זיינען גע־ווען קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן און רזשאדזש סיבורי, עקס דזשאדזש פון אפעלייט דיוויזשאן.

ווי עס ווייזט אויס, איז די טארבע, וועלכע מר. זילבער האט גענייהט אין וועלכער ער האט געדענקט אנפילען מיט געלט פון דער יוניאן נאך ניט אנגעפילט געווארען. דיזער באס פלעגט ארומגעהן צו אלע מאנופעקטשורערס און דערצעה־לען מעשיות, אז אט־אט וועט ער צוברע־כען די יוניאן און אוועקנעהמען זייערע פאנדס. עס זעהט אויס, אז זיין טרוים איז נאך ניט פארווירקליכט געווארען און ווען דער זעלבער באס וועט אונטערציהען דעם סך הכל וועט ער שנעל אויסגעפינען אז עס האט זיך איהם ניט געלוינט די גאנצע געשיכטע.

פראוויזארישער עקזעקוטיוו באארד פון די דרעסמאכער, לאקאל 22

א מיטינג פון פראוויזארישען עקזע־קוטיוו באארד איז אפגעהאלטען געווא־רען מיטוואך, דעם 26טען יאנואר, 1921, אין 16 וועסט 21טע סטריט. ברודער לייבאוויטש אלס טשערמאן.

עס איז אויפגענומען געווארען די פראגע, ווען עס זאל גערופען ווערען אן אלגעמיינער מיטינג פון די רעדזשיסטע־רירטע מעמבערס פאר צווייטע נאמיניי־שאנס, און עס איז באשלאסען געווארען, אז אזא מיטינג זאל גערופען ווערען פאר דינסטאג, דעם 1טען פעברואר.

עס איז אויך באשלאסען געווארען, אז לעטערס זאלען ארויסגעשיקט ווערען צו יעדען רעדזשיסטרירטען מעמבער, אויך זאל דער מיטינג אדווערטייזט . ווערען שבת און זונטאג אין דער ארבייטער פרעסע.

א קאמיטע איז ערוועהלט געווארען אכטונג צו געבען, אז קיין אנדערע, אויס־סער מעמבערס. פון לאקאל 22, זאלען ניט אריינגעלאזען ווערען צום מיטינג.

די קאמיטע באשטעהט פון ב. קאטץ, ל. שאפירא, מיסס טערעזא וויענער און מינע קאהן. ברודער ב. קאטץ איז ער־וועהלט געווארען אלס טשערמאן פון דער קאמיטע.

עס איז באריכטעט געווארען צו דער עקזעקוטיוו באארד, אז ביז דעם דאטום האבען זיך שוין רעדזשיסטרירט איבער פינף טויזענד דרעסמאכער. א דעבאטע האט זיך ענטוויקעלט וועגען דעם, ווי צו מאכען, אז די רעדזשיסטרירונג זאל צו־געהן אביסעל שנעלער, און עס איז בא־שלאסען געווארען זיך צו זעהן מיט ברו־דער זיגמאן, אז ער זאל זעהן, אז די ביזנעס איידזשענטס זאלען ווירקען אין די שעפער אין זייערע דיסטריקטען, אז די דרעסמייקערס זאלען זיך וואס שנע־לער טראנספערען צום נייעם לאקאל 22.

עס איז ערהאלטען געווארען א צו־שריפט פון דער אינטערנעשאנאל, אז די פראוויזארישע עקזעקוטיוו באארד זאל ערוועהלען א קאמיטע פון דריי, צו מיטען א קאמיטע פון דריי פון לאקאל 23 צו־זאמען מיט דער אינטערנעשאנאל וועגען דער אנגעלעגענהייט אין די אינטערעסען פון די דרעסמאכער פון גרייטער ניו יארק. אין דער קאמיטע זיינען ערוועהלט געווארען די ברידער ס. סנדלר, ל. שאפירא, י. לייבאוויץ.

עס איז אויך באשלאסען געווארען צו רעקאמענדירען, אז עלעקשאנס פאר אן עקזעקוטיוו באארד זאלען פארקומען ניט שפעטער ווי דינסטאג, דעם 8טען פעב־רואר.

ס. סנדלר, סעק.

היינט פאר'ן שלאף

נעהמט אן

עקס-לאקס!

און איהר וועט אין דער פריה פיהלען ווי ניי-געבוירען.

אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

א נייער קלאס אונטער מר. סאוועל זימאנד פון דער ביורא אוו אינדאסט־ריעל ריסוירטש.

דער נייער קלאס, וואס איז ארגאני־זירט געווארען פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וועט זיך עפענען מיט־וואך, דעם 2טען פעברואר, אין וואשינג־טאן אירווינג היי־סקול, 16טע סטריט און אירווינג פלייס.

ווי עס איז פריער אנאנסירט געווא־רען, וועט דער דאזיגער קלאס אנגעפיהרט ווערען פון מר. זימאנד, דעם באוואוסטען פובליציסט, וועלכער איז איצט פארבונ־דען מיט דער ביורא אוו אינדאסטריעל ריסוירטש. מר. זימאנד וועט אויפנעה־מען מיט די סטודענטען א רייע פראקטי־שע אינדוסטריעלע פראבלעמען, וואס האלטען איצט די אויפמערקזאמקייט פון דער וועלט, וועלכע דארפען זיין קלאר פאר די ארבייטער וואס אינטערעסירען זיך מיט די עקאנאמישע געשעהענישען פון היינט.

דער ערשטער טייל פון קורס וועט הא־בען צו טאן מיט מאדערנע מעטאדען פון ביזנעס ארגאניזאציע, אריינגנעהמענדיג קארפאריישאנס, טראסטס, קאנטראל אי־בער רויע מאטעריאלען, ארגאניזאציעס פון ארבייטסגעבער, א. ז. וו.

דער צווייטער טייל וועט האבען צו טאן מיט דער אייזענבאהן פראבלעם. דער קלאס וועט דיסקוטירען אזוינע פראגען, ווי דער שייכות צווישען די אייזענבאהנען און דער אלגעמיינער אינדוסטריע, די פא־סאזשירען און די ארבייטער, און אויך די פראגע פון אייזענבאהן פערוואלטונג. די מעטאדען פון אייזענבאהן נאציאנאליזא־ציע אין פערשידענע לענדער וועלען שטו־דירט ווערען, און א גענויע באטראכטונג וועט געמאכט ווערען פון די פערשיידענע מעטאדען, דורך וועלכע די פאראייניגטע שטאטען קאן איבערנעהמען די אייזענ־באהנען. אין פארבינדונג מיט דעם וועט דער קלאס שטודירען דעם פלאם־פלאן און די אויסזעצונגען געגען אייזענבאהן נאציאנאליזאציע.

ס'איז צו האפען, אז אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעישאנאל, וועלכע אנער־קענען די וויכטיגקייט פון דעם געגענ־שטאנד, וועלען זיך אנשליסען אן דעם קלאס.

א העכערער רעדנער־קלאס אין ארבייטער אוניווערזיטעט.

דער צוועק פון דעם קלאס איז צו העלפען אונזערע מעמבערס צו פארמולי־רען זייערע געדאנקען און אויסצודריקען זיי אויף א ווירקזאמען אופן. די אויפ־גאבע פון א רעדנער אדער שרייבער איז, נאך אלעמען, איבערצוגעבען זיינע גע־דאנקען צו אנדערע אויף אן איבערציי־גענדען אופן.

ביי דער געלעגענהייט וועלען מיר דא ציטירען דעם סטייטמענט, וואס איז גע־מאכט געווארען אין דער „גערעכטיג־קייט" פון 30טען אפריל, 1920, פון דר. גוסטאוו פ. שולץ, וועלכער איז פארבונ־דען מיט דעם ארבייטער אוניווערזיטעט זייט דער גרינדונג. דארט האט דר. שולץ געזאגט:

זיך אויסצודריקען מיינט זיך צו אנט־פלעקען, צו ווייזען ווי פיעל איינער ווייסט, ווי אויפריכטיג איינער פילט, ווי קלאר און געזונט איינעם'ס געדאנקען זיינען. דאס האט איבסען געהאט אין זינען, ווען ער האט געשריבען, יעדען מאל, ווען מיר פראוווען צו שאפען, זיך אויסצודריקען, פאררופען מיר זיך זעלבסט פאר א געריכט, און וועל־כען מיר זעלבסט זיצען אלס די ריכטער.

איבסען האט מיט דעם געהאט אין זינען דעם דיכטער, דעם שרייבער, וואס זיצט ביי זיך אין קאבינעט, אבער דאס איז פונקט אזוי ריכטיג אין באצוג צום רעדנער, וועלכער „דריקט זיך אויס" אין דער עפענטליכקייט. דער פאקט איז, אז דער רעדנער האט ניט נאר זיך אליין אלס רעדנער, נאר אויך די צו־הערער זיינע.

פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט, דענק איך, איז דער רעדנער־קלאס די בעסטע מאס פון דעם, וואס דער ארבייטער אוניווערזיטעט האט אויפגעטאן".

מיר זיינען פאלשטענדיג איינשטימיג מיט דר. שולץ, און מיר באטראכטען דעם רעדנער־קלאס פון גרעסטער וויכטיגקייט פאר אונזערע מעמבערס.

נייער קלאס אין סאציאלער געשיכ־טע אין דעם ארב. רינג אוניווערזיטעט.

דער קלאס איבער דער געשיכטע פון ציוויליזאציע, וועלכער פארזאמעלט זיך שבת אום 2.30 אין דעם ארבייטער־אוני־ווערזיטעט אונטער דער לייטונג פון מר. ספענסער מילער, ציהט צו א גרויסע צאהל פון אונזערע מיטגלידער. מר. מי־לער נעהמט איצט אויף דעם ראסען־הינ־טערגרונד פון געשיכטע. די פארשידענע [illegible] דער מענשהייט וועלען בא־[illegible]. און דער געדאנק וועט אונטערשטראכען ווערען, אז אלע מענש־ליכע טעטיגקייטען ווערען באאיינפלוסט פון א ראסען איינהייטליכקייט.

די ענטשטעהונג פון לעבען אויף דער ערד; דער אונטערשיעד צווישען פלאנ־צען, חיות און דעם מענשען. דאס זיינען איינע פון די פראגען, וואס וועלען בא־טראכט ווערען.

מר. טראכטענבערג וועט לעקטשורען אין ארבייטער אוניווערזיטעט.

דעם 19טען פעברואר, 3.30 נאכמי־טאג, וועט אלעקסאנדער טראכטענבערג, דירעקטאר פון רעקארד דעפארטמענט פון דער אינטערנעישאנאל, האלטען א לעק־טשור אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט, אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול. דאס וועט זיין די ערשטע פון א סעריע לעק־טשורס, וואס דער עדיוקיישאנאל דע־פארטמענט פלאנט וועגען דער פארוואל־טונג און פיהרערשאפט פון דער אינטער־נעשאנאל. די דירעקטארען פון די פאר־שידענע דעפארטמענטס וועלען אין בא־זונדערע לעקטשורס ערקלערען דעם כא־ראקטער און צוועק פון זיינע אפטיילונגען און די מעטאדען פון פערוואלטונג.

אין דער ערשטער לעקטשור וועט מר. טראכטענבערג דערצעהלען די מעמבערס, וואס זיין דעפארטמענט זוכט אויפצוטאן, און ווי אזוי דאס ווערט געטאן. ער וועט ווייזען ווי אזוי מען האלט רעקארדס וועגען דער באשעפטיגונג, פארדיענסטען א. ז. וו. פון יעדען פון די 150 טויזענד מעמ־בערס פון דער אינטערנעישאנאל. ער וועט אויך ערקלערען, ווי אזוי זיין דע־פארטמענט קריגט אויסקינפטען וועגען די פארדיענסט־פעהיגקייט פון דער מיט־גלידערשאפט, אזוי אז מען זאל קאנען ווי געהעריג צוטיילען די פראפיטען פון דער גאנצער אינדוסטריע. עהנליכע פראגען וועלען דיסקוטירט ווערען. דער צוועק פון דר לעקטשור וועט זיין צו ווייזען די מעמבערס, וואס פאר א פראקטישע רע־זולטאטען דער רעקארד דעפארטמענט האט דערגרייכט פאר דעם בענעפיט פון די מעמבערס.

נייער קורס אין בראנקס יוניטי סענ־טער, פאבליק סקול 54.

אין דעם בראנקס יוניטי סענטער האט מיס טערעזא וואלפסאן פארענדיגט איהר סעריע לעקטשורס איבער דער לאגע פון די פרויען אין דער אינדוסטריע. דער קורס איז געווען זעהר אן אינטערעסאנ־טער, און די סטודענטען האבען זיך דער־וואוסט פון פיעלע נייע פאקטען אין פאר־בינדונג מיט דער פראבלעם פון פרויען־ארבייט.

לעצטע וואך האט מיס וואלפסאן אנ־געהויבען מיט איהר קלאס א נייע סעריע לעסאנס וועגען דעם עקאנאמישען הינ־טערגרונד פון דער אינדוסטריעלער ענט־וויקלונג אין אמעריקא. דער דאזיגער קורס איז זעהר נויטיג פאר די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל. ס'איז א בא־וואוסטער פאקט, אז וועהרענד אונזערע מעמבערס זיינען באקאנט מיט מאדערנע טערמינען און פראגראמען פון סאציאל־עקאנאמישען איבערבוי, האבען אבער פיעלע פון זיי ניט געהאט די געלעגענ־הייט זיך צו באקענען מיט די פאקטען און דער עקאנאמישער געשיכטע פון אמריקא, וואס האבען באשאפען די איצטיגע לאגע.

אין איהר קורס וועט מיס וואלפסאן באטראכטען די פאקטען, וואס האבען גע־פיהרט צו דעם איצטיגען עקאנאמישען צושטאנד פון אמעריקא. פאר יעדען איי־נעם, וואס אינטערעסירט זיך מיט עקא־נאמישע ענדערונגען און אויסבעסערונגען איז עס וויכטיג צו זיין באקאנט מיט די פאקטען.

א נייער קורס אין צווייטען בראנקס סענטער, פאבליק סקול 43, וואשינג־טאן עוו. און קלערמאנט פארקוויי.

די מיטגלידער פון דעם דאזיגען סענ־טער האבען פארענדיגט זייער ארבייט מיט דר. מארגארעט דאניעלס איבער דעם איצטיגען צושטאנד פון טרייד־יוניאניזם אין פארשידענע לענדער פון אייראפא און אמעריקא. די סטודענטען האבען גע־קראגען א קלארען באגריף וועגען דער אלוועלטליכער טרייד יוניאן באוועגונג, און געזעהען ווי די געשיכטע פון יעדען לאנד האט באאיינפלוסט די ענטוויקלונג פון טרייד יוניאניזם.

דער קלאס וועט איצטער אנהויבען א נייעם קורס מיט דר. דאניעלס, אין וועל־כען זי וועט באטראכטען די אינדוסטריע־לע געשיכטע פון די פאראייניגטע שטא־טען. אין דעם דאזיגען קורס וועט זי אויפנעהמען די איינצעלהייטען וועגען דער ענטוויקלונג פון דער ארבייטער בא־וועגונג אין אמעריקא, די פארשידענע פארזוכען פון די ארבייטער צו ארגאניזי־רען זיך און פארבעסערען זייער לאגע, און דעם איינפלוס, וואס זיי האבען דער־גרייכט.

פייערונג לכבוד דער ערעפענונג פון לאוער בראנקס יוניטי סענטער א גרויסער ערפאלג.

לעצטען פרייטאג האבען זיך פארזא־מעלט ארום 800 אונזערע מעמבערס מיט זייערע פרויען און קינדער אין דעם אוי־דיטאריום פון פאבליק סקול 43, בראון פלייס און 135טע סטריט, צו פייערען די ערעפענונג פון דעם נייעם יוניטי סענטער, וועלכער איז ארגאניזירט געווארען לעצ־טען נאוועמבער און האט זיך ארויסגעווי־זען צו זיין אן ערפאלג. הונדערטער מעמ־בערס אונזערע האבען געמוזט געהן צוריק, ווייל ס'איז קיין פלאץ ניט געווען.

אן ארטיסטישע פראגראם איז אראנזשירט געווארען פאר'ן אווענד. מיס עסטעל שריינער, סאפראנא, האט געזונ־גען איינינע רוסישע און אידישע פאלקס־לידער און אויך אפערא סעלעקשאנס. מר. מאקס דזשייקאבס, וויאלינימט, האט גע־שפיעלט א רייע אינטערעסאנטע נומערען.

די הונדערטער מעמבערס אונזערע האבען זיך פארזאמעלט ניט בלויז צוליעב דעם קאנצערט, וועלכער איז טאקע גע־ווען זעהר א גוטער, נאר אויך צוליעב א אידעע — צוליעב דער אידעע פון אר־בייטער אויפקלערונג אינערהאלב דער ארבייטער באוועגונג. זיי האבען מיט שטאלץ באגריסט די טעטיגקייט פון דער אינטערנעישאנאל אויף דעם געביט פון ארבייטער אויפקלערונג, אנערקענענדיג, אז אויפקלערונג איז דער שליסעל צו א בעסערער געזעלשאפט, וואו עס וועלען פארווירקליכט ווערען די האפנונגען און שטרעבונגען פון די ארבייטער.

די פארזאמעלטע האבען זיך איינגע־הערט מיט גרויס אינטערעס אין די רעדען פון מר. אלעקסאנדער פיטשענקלער, אונ־זער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, און מיס פאניא מ. קארא, סעקרעטער פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, וועלכע האבען גערעדט איבער די צוועקען פון דעם עדיו־קיישאנאל דעפארטמענט.

אן אינטערעסאנטער פונקט אין דער פראגראם איז געווען דער „דזשימנעי־זיאום דריל" (פיזישע איבונגען) דורכגע־פיהרט פון די סטודענטען פון סענטער אונטער דער לייטונג פון מיס בלענטש לינטש, דער אויפזעהערין פון סענטער. עס איז געווען אן ערפרישענדע ערשיי־נונג צו זעהן ווי אונזערע ארבייטער, וועל־כע פארברענגען דעם גאנצען טאג אין שאפ, שטעהען אויף דער פלאטפארם און מאכען פיזישע איבונגען מיט דער גע־שיקטקייט פון קאלעדזש סטודענטען, וועלכע גיבען אפ די גרעסטע טייל פון זייער צייט פאר דעם. די דאזיגע אי־בונגען האבען קלאר געמאכט פאר די פארזאמעלטע די נויטווענדיגקייט פאר די ארבייטער צו ענטוויקלען זייערע קער־פערס צוזאמען מיט זייערע מוחות.

ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז די אלע סטודענטען, וואס האבען איינטייל גענו־מען אין די עקזערסייזעס און די איבערי־גע, וואס קריגען סיסטעמאטישען אונ־טערריכט אין פיזישע איבונגען, זיינען די בעסטע סטודענטען אין זייערע קלאסען. ס'איז די האפנונג פון די ארבייטער צו ווערען אלס שטארקער פיזיש אזוי גוט ווי גייסטיג. בלויז מיט אזא דאפעלטער קראפט וועלען זיי דערגרייכען זייערע צוועקען.

אונזערע מעמבערס ווייזען אלע מאל ארויס א גרויסען אינטערעס אין דער ער־עפענונג פון א נייעם יוניטי סענטער, וואס דאס מיינט, אז נאך א צענטער איז באשאפען געווארען, וואו די ארבייטער האבען א געלעגענהייט צו שטודירען די געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג, די עקאנאמישע באדינגונגען פון לאנד, די שפראך פון זייער נייער היים. דאס איז באזונדערס באוויזען געווארען דורך די מעמבערס פון די סטודענטס־קאונ־סילס פון אנדערע יוניטי סענטערס, וועל־כע זיינען געווען אנוועזענד.

פולע אנערקענונג קומט די מעמבערס פון די סטודענטס קאונסילס, וועלכע זיי־נען געווען די אשערס אויף דעם קאנ־צערט, פאר דער מוסטערהאפטער ארד־נונג.

נאך דעם קאנצערט האבען די פאר־זאמעלטע געטאנצט אין דער דזשימנעי־זיאום פון סקול.

ארטור גליסאנ'ס בראשור וועגען אר־בייטער אויפקלערונג.

א זעהר אינטערעסאנטע בראשור איז ארויסגעגעבען געווארען פון דער ביורא אוו אינדאסטריעל ריסוירטש וועגען אר־בייטער אויפקלערונג. דער שרייבער, מר. ארטור גליסאן, איז א באוואוסטער שרייבער איבער ארבייטער פראגען, און דער פארפאסער פון א בוך וועגען דער ענגלישער ארבייטער באוועגונג. אין זיין בראשור גיט מר. גליסאן אן אויספיהר־ליכע אפהאנדלונג וועגען די ציעלען פון ארבייטער בילדונג און א באשרייבונג פון די עקספערימענטען אויף דעם דאזי־גען געביעט אין ענגלאנד און אמעריקא. די עדיוקיישאנאל ארבייט פון אונזער אינטערנעישאנאל פארנעהמט אין דער בראשור פיעל פלאץ און גיט אן אלגעמיי־נעם באגריף וועגען די אויפטוען פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט. אונזערע אמעריקאנער עקספערימענטען זיינען אויך זעהר אינטערעסאנט.

די קאפיטלען, וואס באהאנדלען די עקספערימענטען אין אייראפא נעהמען אריין אן אפהאנדלונג וועגען דער „ווארקערס עדיוקיישאנאל אסאסיאי־שאן" אין ענגלאנד, דער „ראסקין קא־לעדזש", „סענטראל לייבאר קאלעדזש", די בעלגישע שולען און די דייטשע עקס־פערימענטען.

די פרייז פון ביכעל איז 50 סענט, מעמבערס פון דער אינטערנעישאנאל קא־נען עס קריגען אין אונזער אפיס פאר א העלפט — 25 סענט.

מיר רעקאמענדירען דעם ביכעל צו אלע אונזערע מעמבערס.

סיזאן־קארדס פאר קאנצערטען.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וויל דא דערמאנען די מעמבערס פון דער אינטערנעישאנאל, אז סיזאן קארדס פאר דר נעישאנאל סימפאני ארקעסטער קאן מען נאך אלץ באקומען אין אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער.

איינינע דאטען, ווען סאליסטען ווע־לען אויפטרעטען מיט דעם ארקעסטער, ווערען דא אנגעגעבען:

שבת אווענד, פעברואר דעם 12טען — גיאמאר נאוועס.

מאנטאג אבענד, פעברואר דעם 21טען — רובינשטיין.

שבת אווענד, פעברואר דעם 26טען — לעא ארענשטיין.

מיטוואך אווענד מארטש דעם 2טען — לעאפאלד גאדאווסקי.

זונטאג אבענד, מארטש דעם 13טען — סערגעי ראכמאנינאוו.

מיט דער סיזאן קארד פון דער יוניאן קאנען די מעמבערס פון דער אינטערנעי־שאנאל קריגען צו 2 טיקעטס פאר העלפט געלד אין דעם אפיס פון זשאזעף מען, 32 יוניאן סקווער.

יוניטי באזאר פארשפרעכט צו זיין א גרויסער ערפאלג.

די ארבייט צו מאכען דעם יוניטי־באזאר פאר א גרויסארטיגען ערפאלג געהט אן אויסגעצייכענט. די גרופע אק־טיווע גייסטער פון דער יוניטי הויז מא־כען די שטארקסטע אנשטרענגונגען, אז די, וועלכע וועלען קומען צום באזאר, זא־לען קענען אמת שעהן פארברענגען, אויך קענען קויפען אלעס, וואס נאר זייער הארץ געלוסט.

די קאמיטע פון באזאר לאזט אונז וויסען, דאס וועניגסטענס 15 ביידלאך וועלען דארט זיין. דארט וועלען זיין פיעלע ארטיקלען, וועלכע וועלען קענען לייכט קאנקורירען מיט דעם בעסטען אפ־טו־דייט דעפארטמענט־סטאר. א גרויסע צאהל פון אונזערע מעמבערס, ווי אויך איינינע מאנופעקטשורער און קליינע ביזנעסלייט האבען שוין ארייג־געשיקט א גרויסע צאהל מאנטלען, דרע־סעס, סוטס, וועיסטס, רעגען־מאנטלען, ריפערס, עמבראידערטע ארטיקלען, ווהייט גודס, ליאלקעס, קינדער־קליידער און אלערליי לעדער־סחורה.

א גרויסע צאהל פון דיזע זאכען קו־מען פון אונזערע אייגענע מעמבערס, וועלכע האבען אלעס אליין פארטיג גע־מאכט, ווי אויך פון א באגרענצטער צאהל ביזנעס־לייט. אבער די ריכטיגע ארבייט צו מאכען דעם באזאר פאר אן ערפאלג, דאס איז אין די הענד פון א קליינער גרו־פע פון אקטיווע און פעהיגע ארבייטער, וועלכע ווערען נאר קיינמאל ניט מיעד אין זייער ענטשלאסענהייט צו מאכען דעם יוניטי־באזאר דעם 22טען און דעם 23טען פעברואר אין ניו סטאר קאסינא פאר א פאלשטענדיג ערפאלגרייכע אונ־טערנעהמונג.

די קאמיטע פון דעם יוניטי באזאר האט ארויסגעלאזען אן אפיעל צו די מעמ־בערס און פריינד, אז זיי זאלען זיך נעה־מען צו דער ארבייט און פארקויפען טי־קעטס פאר דעם 22טען און 23טען פעב־רואר, אזוי, אז דער ערפאלג זאל זיין זי־כער.

די קאמיטע בעט, פאדערט, אז אלע די, וועלכע האבען טיקעטס, זאלען זיי זעהן וואס גיכער צו פארקויפען, און די, וועלכע האבען נאך ניט קיין טיקעטס, זא־לען קומען אין אפיס און זיי נעהמען.

דאָרט וואו די ציטראָנען בליהען

(א בריוועל פון פאלם ביטש, פלאָרידא)

פון ליליען וואלאך

זעהר געעהרטער פריינד יאנאָווסקי!

שרעקט אייך ניט, איך שיק אייך ניט קיין ארטיקעל. עס איז נאָר א בריוועל. אין ניו יאָרק וואָלט איך דאָס אפשר ניט געטאָן, אָבער ווי איהר זעהט בין איך איצט גאַנץ ווייט פון ניו יאָרק און פון ווייטען ווערען נאָהענטע נעהנטער, און אפילו נאָר ווייטע ווערען אויך א ביסעל נאָהענט, און עס בענקט זיך אהיים, אפילו ווען די היים איז ניט זעהר היימיש....

מיר איז דאָ זעהר גוט. עס גלויבט זיך נאָר ניט, אז ערגעץ אויף דער וועלט איז איצט ווינטער, שנייען, פרעסט און קעלטען. דאָ איז זומער. די זון שיינט מילד, מענשען באָדען זיך אין ים, בלומען בליהען א גאַנץ יאָהר. און די אימער גרינע פּאַלמעס — אַך, ווי שעהן זיי זיי־נען!

פארשיידענע סאָרטען פּאַלמעס, פאר־שיידענע סאָרטען סאָסנעס, לאַנגע אַלעען מיט פּאַלמעס ציהען זיך מיילען־וויוז ווייט, גרינע פּעבערס פלעכטען זיך איינער אין אַנדערען און פלעכטען אויס טורעמס אין דער הויך!

לאַנגע אַלעען מיט גרינע אָליאַנדערס, הויכע אזוי ווי ווערבעס, באַשאָטען מיט ראָזאווען צווייט. גרויסע אָרטשאַרדס מיט מאַראַנצען, גרייפּפרוכטס, לימענעס, אַה, ווי שעהן די גאָלדענע פרוכטען בלישטשען ארויס פון צווישען די גרינע בלעטער; אין שווערע, געדיכטע גרונטען הענגען זיי ארונטער און ציהען די צווייגען צו דער ערד.

„דאָס לאַנד וואו ציטראָנען בליהען. איהר האָט אַוודאי געלעזען געטהע'ס „מיגנאָן". געדענקט איהר ווי די קליינע צאַרטע מיידעל פרעגט זיך אַלץ נאָך און בענקט נאָך דעם לאַנד, וואו ציטראָנען בליהען? נו, איך בין דאָס יענע מיי־דעל.

פּאַלם ביטש, דאָס איז דער שעהנ־סטער פּלאַץ אין פלאָרידא. דאָ געפינט זיך די „ראָיאַל פּאָינסיאַנא". איהר האָט אמאָל געהערט פון דער „ראָיאַל פּאָיסיאַ־נא"? דאָס איז דער גרעסטער האָטעל אין דער וועלט. דאָ געפינען זיך איצט די גוגענהיימס, די גולדס, די ראָקעפע־לערס, נייטהען שטראוס און נאָך א סך אזוינע עקספּלואַטאַטאָרס קומען אהער פאר זייער ווינטער וואַקאַציע.

און איך? — אַה, איהר ווייסט ניט דעם שמערץ פון א פויגעל, ווען מען פאר־שפּאַרט איהם אין אַן ענגער פארשטיקטער שטייג און מען צווינגט איהם צו לעבען אָהן לופט און אָהן זונען־שיין. איהר פארשטעהט זיך ניט אויף דער נשמה פון פויגעל.

אַה, ווי ענג עס איז צווישען אייך!!!

איך האָב ניט געטראַכט און ניט גע־פרעגט וואוהין, צו וועמען? איך האָב נאָר געפיהלט, אז איך מוז אוועק פון דער ענגשאַפט, ערגעץ ווייט, ווייל איך ווער דערשטיקט.

אַה, וואָס פאר א שעהנע, קלאָרע טיי־כען זיינען דאָ! וואָס פאר א הימעל! און דער ים... ניין, דאָס מוז איך לאָזען אויף שפּעטער, ווען איך וועל צייט האָבען צו שרייבען פּאָעזיע. איצט האָב איך קוים צייט צו שרייבען א בריוועל.

גאַנץ פריה שטעה איך אויף, ווען ס'איז נאָך פינסטער, און לויף צום ים. אַה, עס פאַרכאַפּט דער אָטעם! איך האָב נאָך אַזאַ זונען־אויפגאַנג קיינמאָל ניט גע־זעהן!

עס ווילט זיך שטעהן כּמעט א ביסע־לע און באַוואונדערען די שעהנקייט פון דער נאַטור. עס ווילט זיך אַנטלויפען פון דער אַלטעגליכקייט, עס ווילט זיך אויפהויבען צו די העכסטע הימלען! אָבער איך לויף שנעל צוריק...

אַך, ווי איך האָב פיינט די אַלטעג־ליכקייט! צאַרטע מאָרגען - שטראַהלען שפּיגלען זיך אריין אין מיינע האָר און גלעטען מיין קאָפּ. בלויע כוואַליעס לע־גען זיך אויס אזוי ווי ווייכע סאַמעטענע פאַלדען, איינע נאָך דער אַנדערער, און לויפען מיר נאָך און שעפּטשען און מורמ־לען עפּעס און רופען מיך צוריק. אָבער איך האָב קיין צייט זיך ניט אָפּצושטעלען.

קליינע משייקעס פליהען מיר אנטקעג־נען, צושפּרייטען זייערע פליגעלעך, נעה־מען מיך ארום און לאָזען מיך ניט נעהן. צאַרטע פויגעלעך, זיי ווייסען ניט פון קיין שקלאַפעריי; זיי זיינען פריי, אימער פריי! פליהען זיך ארום אין דער פרייער לופט, פון איין לאַנד צום אַנדערען! אַך, ווי איך בין זיי מקנא!

עס וואָלט זיך געוואָלט אַביסעל פילאָ־זאָפירען און פרעגען: מיט וואָס שטעהט דער מענש העכער פון חיות?

מיר דאַכט זיך, אז אפילו די ערגסטע חיה האָט מעהר פרייהייט פון דעם מענ־שען, און אפילו די ערגסטע חיה ווערט ניט אַזוי שטאַרק אונטערדריקט און פאר־שקלאַפט ווי איין מענש פון צווייטען.

יאָ, עס וואָלט זיך געוואָלט א ביסעל פילאָזאָפירען. איך האָב אָבער צופיל צו זאָגען וועגען דעם, און איצט האָב איך ניט קיין צייט און ניט קיין געדולד פאר אזוינע נאַרישקייטען.

איך וועל אייך בעסער דערצעהלען, אז איך האָב זיך דאָ באַקענט מיט אַלע גערט־נער און איך לעב זיך מיט זיי זעהר גוט. איך קען אריינגעהן אין וועלכען גאָרטען איך וויל און רייסען די שעהנסטע בלו־מען. נאָר קיין דזשאָב קען איך ביי זיי ניט קריגען, ווייל קיין מיידלעך נעהמט מען ניט פאר אַזאַ ארבייט. וואָס פאר א פּאַרדרוס! איך האָב דאָך אזוי ליב ארומ־צוגעהן ארום בוימער, בלומען! מיר וואָלט דאָך געווען אזוי גוט ביי אַזאַ אר־בייט. איך וואָלט זיך געפיהלט אזוי היי־מיש. איך האָב דאָך אַלע מאָל געפּלאַנצט בלומען אין דער היים.

יאָ, איך האָב ליב בלומען מעהר ווי מענשען. מענשען זיינען פאַלש, כיטרע און זעהר ניט צאַרט. די מינוט, וואָס איך האָב צייט (איך צעהל דאָ מיין פרייע צייט אויף די מינוטען; איך ארבייט אזוי פיל שטונדען א וואָך, אז איך קען זיי נאָר ניט איבערצעהלען), לויף איך אוועק אין די גערטנער.

„אָנלי אין דהי מידסט אָוו נייטשור אַי סיק פאָר שעלטער ענד קאָנסאָליישאָן".

אָבער ווען איך דערמאָן זיך, פאר וועמען די בלומען בליהען דאָ, פאר וועמען מען פלאַנצט זיי, צוליב וואָס טויזענטער ארבייטער ארבייטען דאָ, מען בויט פּאַ־לאַצען, מען פלאַנצט גערטנער מיט בלו־מען מיט פרוכטען, מען שאַפט די טייער־סטע זאַכען, פארשידענע לוקסוסען — און פאר וועמען? פאר עטליכע מענשען, וואָס קומען אהער נאָר פאר צוויי מאָנאַ־טען, פאר זעקס וואָכען, פאר צעהן טעג. און ווייטער שטעהען די פּאַלאַצען לעדיג א גאַנץ יאָהר. און ווייטער ארבייטען מענשען ארום זיי. און וואָס איז אין אַנ־דערע ערטער? אויך דאָס זעלבע. ווי־פיל פּאַלאַצען שטעהען לעדיג, און וויפיל מענשען האָבען ניט צו וואו צו וואוינען?! און איך זעה דאָ דאָס אַלעס מיט מיינע אויגען, אזוי נאָהענט. אַך, וואָס איך זעה דאָ! — וואָס פאר א לוקסוס, וואָס פאר א פאַלשקייט, וואָס פאר א פּוסטקייט און וואָס פאר א שקלאַפעריי!...

עס ווילט זיך אויסרייסען, פארברע־נען, צוטרעטען מיט די פיס, פארניכטען אַלעס! ניט נאָר די בלומען, ניט נאָר די גערטנער, נאָר עס ווילט זיך אויסלעשען די זון, די לבנה. זאָל זיין פינסטער! אין אַזאַ וועלט, וואו היפּאָקריסטסטוואָ, פאַלשקייט און פאַרדאָרבענהייט זיינען די הערשער, דאַרף די זון ניט שיינען!

ניין, אין אַזאַ בריף קען איך ניט אי־בערגעבען וואָס איך זעה דאָ, וואָס איך פיהל. איך וועל מוזען שרייבען א בוך וועגען דעם. יאָ, איך וועל שרייבען, ווען איך וועל צייט האָבען. ווען וועל איך שוין אמאָל צייט האָבען צו שרייבען?!

איינע האָט שוין דאָ פארלאָרען א בראַנזלעט מיט 25 בריליאַנטען. אַך, ווען איך וואָלט דאָס געפונען דעם בראַנזלעט מיט די 25 בריליאַנטען! וואָלט איך גע־צייגט מר. יאַנאָווסקי וואָס איך קען אויפ־טאָן!

וואָס זאָג איך 25 בריליאַנטען. ווען איך פאַרמאָג כּמעט פינף הונדערט דאָ־לאַר און נאָר איין יאָהר ניט באַדאַרפט ארומגעהן זוכען א „דזשאָב" — כּמעט איין יאָהר קענען זיין פריי און קענען טאָן די ארבייט וואָס איז מיר ליב!

אָבער וואָס רייד איך? איך האָב זיך נאָר צורעדט פון דאָלאַרס. ווי עס עקעלט מיך דערפון! און דאָך — וויפיל ערדעלע נשמות, וויפיל שעהנע און ערדעלע געדאַנ־קען ווערען דערשטיקט, ווערען צושמע־טערט און געהען פארלאָרען דורך די עקעל־האַפטע דאָלאַרס?

און וויפיל מענשען האָבען אַלעס, אַלע פרייהייטען און פארשטעהען ניט דעם ווערט דערפון, און ווייסען דאָס ניט אָפּ־צושאַצען. האָבען די מעגליכקייט צו זעהן אַלעס, צו זיין אומעטום, און דאָך זעהען זיי נאַרנים און פיהלען נאַרנים.

וואָס פאר א משוגע'נע וועלט!

יאָ, איך האָב אייך פארגעסען צו דער־צעהלען ווי שעהן די קאָקאָ־נים וואַקסען דאָ. אוי, ווי שעהן! הויכע בוימער, די בלעטער זיינען לאַנגע, שמאָלע, א ביסעל עהנליך צו די בלעטער פון פּאַלמעס, און די גרויסע ניס וואַקסען אייננעוויקעלט אין א האַרטער וואונדערשעהנער שאָלאַכץ.

איך קען א ביסעל מאָלען — ניט מיט דער פען מיין איך, נאָר טאַקע מיט א פּענזעל און פאַרב. עס וואָלט זיך מיר וועלען מאָלען כּמעט עטליכע לאַנדשאַפ־טען. אָבער — איך האָב קיין צייט ניט דערויף. הערוויילע ניט.

איך וועל אהיים קומען אין א פּאָר מאָנאַטען ארום. אהיים? וואָס פאר א שפּאַס! נאָך אַלס קינד האָב איך מיין היים פארלאָזען און קיין צווייטע נאָך ניט געפונען.

אָבער אַזאַ מזל האָט שוין דאָס טו־מעלדיגע ניו יאָרק. עס ציהט צוריק. — אפשר דערפאַר, ווייל אין טומעל קען מען זיך אַליין פארגעסען.

נו, עס ווילט זיך מיר אייך שיקען א פּאָר בלומען. כּמעט איך ווייס אפילו ניט צי איהר פארשטעהט זיך אויף בלומען, אויף צאַרטע בלומען. זיכער ניט. ווי אַזוי זשע טוט מען דאָס? איך וועל זיי אריינלעגען אין קאָנווערט, צוזאַמען מיט'ן בריף. אָבער איך האָב מורא, אז זיי ווע־לען צודריקט און פארוועלקט ווערען, און ביז זיי וועלען אָנקומען אין ניו יאָרק צו אייך וועט איהר גאָרניט קענען דערקענען ווי שעהן און פריש זיי זיינען ערשט ניט לאַנג צוריק געווען. נאָר — צו ווער־דען איין בלום צודריקט און פארוועלקט ביז זי קומט אָן אין דעם געווינשטען אָרט.

ניין, דאָס איז ניט גענוג. איך וועל אייך שיקען א סך בלומען. איך וועל צו־זאַמענבינדען א גרויסען בונט און וועל זיי אייך שיקען באַזונדער.

אָבער פארשטעהט, איך בעט אייך, אז דאָס זיינען ניט קיין ליבעס־בלומען, נאָר גלאַט אזוי שעהנע בלומען, וואָס בלי־הען ווינטער אין דער ווייטער סאָוטה.

מיט גרוס,

ליליען וואלאך.

די אידישע וואַנדערונג אין אייראָפּא און הילף דורך ארבייט

פון ל. גלאזער.

פון פוילען און גאַליציען און פון אוקריינער גיהנום איבער דייטשלאַנד און עסטרייך, איבער די וואַסערען פון דניעסטער און פון זברוטש רייסען זיך ארויס קיין מערב צענדליגער טויזענטער היימלאָזע אידען. גאַנצע אידישע קבוצים הויבען זיך פון די ערטער, מען אַנטלויפט עדות־ווייז מחנות־ווייז.

אלס המשך און אלס פועל־יוצא פון דער לעצטער נאָך ניט פארענדיגטער בלוטיגער תקופה הויבט זיך אָן א ניי בלעטעל אין דער געשיכטע פון די אידי־שע פּורעניות — די נייע אידישע וואַנ־דערונג...

אין ווילדע שטראָמען וועט זיך די אידישע מאַסע טראָגען צו די ים־פּאָרטען. דאָרט אָבער וועט זי קלאַפּען אין א פאַר־מאַכטע טיר. אמעריקא, וואָס האָט אין משך פון 1880 ביז 1914 יאָהר געעפענט איהרע ברייטע טויערען פאר צוויי און א האַלב מיליאָן גע'רודפ'טע אידען, וועט זיך גראַד איצט אין דער צייט פון גרעס־טען פאָלקס־אומגליק פאר זיי פארשליסען מיט זיבען ריגלען. דער אוקיינוס איז א גרעניץ, וועלכע ס'איז ניט מעגליך צו „שוואַרצען".

נאָר אויב אמעריקא קאָן פּראַקטיש דורכפיהרען א שטרייגען קאָנטראָל פון די עמיגראַנטען־שיפען, איז קיין כח ניט ביכולת אָבצוהאַלטען דעם סטיכישען עמיגראַנטען־שטראָם פון מזרח קיין מערב אין אייראָפּא גופא, איצט נאָכדעם, ווי די פראָנטען ווערען פריי פון די חיילות, וואָס פאַרשפּאַרען מזרח־אייראָפּא. די גרעניץ־וואַך אין בעסאַראַביע, די שומרים וואָס היטען די פּויליש־פּרייסישע גרעניץ־ליניע און אַלע פּאָליציייאישע כחות, וואָס שטעהען ביי די טירען פון האָלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און פראַנקרייך, קאָנען און וועלען דעם אידישען וואַנדע־רער ניט אָבשרעקען. שוין היינט ציילט מען די אידישע היימלאָזע אין די מערב־אייראָפּעאישע שטעדט אין די צעהנדלי־גער טויזענדער. אין דייטשלאַנד אַליין, רעכענט מען, זיינען נאָך דער רעוואָלוציע אין משך פון א יאָהר אנדערטהאַלבען אריינגעדרונגען ביז 75.000 אידישע אַנ־טרונענע, דאָס רוב פון פוילען.

דער גליקליכער מערב־איד אין א סך לענדער האָט ביז איצט ווייניג געהערט און אָפט אפילו ניט געוואָלט הערען פון די ליידען פון זיינע ברידער אין מזרח. איצט קומען די פּאָגראָם־קרבנות. אַליין ביי איהם מאָנען דעם ברודער־חוב.

ווי אזוי וועט זיך דער איד אין איי־ראָפּא שטעלען צו דעם פּראָבלעם פון הילף פאר דעם מזרח־אידישען וואַנדע־רער? ביז איצט האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם אַלטען סקאָרבאָווען מיטעל: פלעגט קומען צו פאָהרען א פרעמדער איד אין א שטאָדט, פלעגט מען איהם געבען אויף א בילעט אויף צוריק, אָדער אויף ווייטער. אַט ליגט פאר אונז א בריעוו פון א פראַנצויזישען רב. די אידען — שרייבט ער — וואָס געפינען ביי אונז קיין פּרנסה ניט שיקען מיר אוועק, מיר ווייר־סען ניט וואוהין און אונז אַרט ניט וואָר־הין...

אין די דאָזיגע ווערטער פון דעם טי־פּישען מערב־אייראָפּיאישען בעל־צדקה איז פאָרמולירט די טום־באַוואוסטע אַלטע באַציהונג צו דעם אידישען וואַנדערונג־פּראָבלעם. אַזאַ „סיסטעם" האָט אָבער קיין ממשות'דיגען ווערט ניט, ניט פאר דעם „נעבער" און ניט פאר דעם „נעה־מער". אנשטאָט אַזאַ בלינדער און פּרוכטלאָזער „אייזענבאַהן־פּאָליטיק" איז דרינגענד וויכטיג צו געפינען א נייעם און ראַציאָנעלען מיטעל, ווי אזוי צו העלפען דעם אידישען וואַנדערער.

צווישען דער גרויסער מאַסע אַנטרו־נענע, וואָס אַנטלויפען פון מזרח פון פּי־זישער סכנה און עקאָנאָמישער נויט און זוכען אין מערב אייראָפּא א מקום מקלט און א מאַטעריעלען קיום, איז פאַראַן אַן אומגעוויינליך גרויסער פּראָצענט בעלי־מלאכות און ארבייטער. די דערווייליגע, אמת נאָך ניט אַלגעמיינע, פּראָפעסיאָנעלע סטאַטיסטיק פון דער דאָזיגער עמיגראַנטען־מאַסע דערווייזט און וואָס פאר א גרויסער מאָס די מלחמה האָט פאַרשטאַרקט דעם פּראָצעס פון דער פּראָדוקטיוויזירונג פון דער מזרח־אייראָ־פּייאישער אידישער באַפעלקערונג, איהר אריבערגעהן פון מסחר און מעקלעריי צו עקאָנאָמישער שאַפונג.

די נטיה צו מלאכה, צו ערד־ארבייט, צו אַלע פאָרמען פון שווערער ארבייט, הכלל צו דער פּראָדוקציע האָט יעדער, וואָס קוקט זיך צו צום אידישען עקאָנאָ־מישען לעבען אין דער לעצטער צייט, גע־קאָנט באַמערקען אין אַלע לענדער, וואו אידען לעבען אין מאַסען. די דאָזיגע ערשיינונג האָט הן אַלגעמיינע סבות, הן באַזונדערע אין יעדען לאַנד.

בעת זייער אַנקומען אין די מערב־לענדער קאָנען די אידישע עמיגראַנטען ניט די שפּראַך פון לאַנד. זיי ליידען הונגער. ביי־נאַכט שלאָפט מען אָפט אין די גאַסען. די פּאָליציי רודפ'ט זיי. די צייטונגען זידלען זיי. און ניט זעלטען פאַרמאַכט זיך דאָס מערב־אידישע האַרץ פאר זיי, אין איין ציטערניש פאר דער סכנה פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס וועט כלומר'שט מוזען שטייגען צוליב דער איינוואַנדערונג פון מזרח.

בלויז אין דייטשלאַנד, אין האָלאַנד און אין געציילטע ערטער האָבען ביז איצט די אידישע אָרגאַניזאַציעס געפונען דעם אמת'ען וועג, ווי אזוי צו העלפען דעם אידישען וואַנדערער. דאָס „ארביי־טער־פּאַרזאָרגונגס־אַמט פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד" מיט איהרע אָבטיילונגען אין די פאַרשיידענע דייטשע שטעדט, זוכט אויף א ראַציאָ־נעלען און סיסטעמאַטישען אופן פאַר־נאַנדערצוטיילען די מאַסע עמיגראַנטען אין די פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד, וואו ס'איז פאַראַן א מעגליכקייט צו גע־פינען פאר זיי ארבייט. אויף אַזאַ אופן גיט זיך איין ראַדיקאַל צו פאַרזאָרגען די עמיגראַנטען און דערצו צו פאַרקלענערען די מאַסע אידישע ארבייטסלאָזע אין די גרויסע צענטערס. אין פּרייסען האָט זיך דעם ארבייטער־פאַרזאָרגונגס־אַמט איינ־געגעבען צו באַקומען פון אינערן־מיניס־טעריום א לעגאַלע מעגליכקייט אין א געוויסער מאָס צו שיצען די מזרח־אידי־שע ארבייטער פאר פּאָליצייאישע ארויס־שיקונגען, און ס'איז צו האָפען, אז דאָס איינגענע וועט ווערען דערגרייכט אויך אין די איבעריגע דייטשע שטאַטען. אין האָ־לאַנד, וואו די אידישע עמיגראַנטען, וואָס פאַרמאָגען ניט קיין פּאַפּירען, ווערען אַרעסטירט דורך דער פּאָליציי, האָט זיך די אידישע אָרגאַניזאַציעס אָפטמאָל איינ־געגעבען זיי ארויסצוראַטעווען פון די אינטערנירונג - לאַגערען דורך דעם, וואָס מען פלעגט פאר זיי געפינען ארבייט. אין פראַנקרייך, בעת אין מיי ה. י. זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען פון פּאַריז הונ־דערטער פּויליש־אידישע איינוואַנדערער, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט ווייזען דער פּאָליציי וויזעס פון פראַנצויזישען קאָנ־סול אין וואַרשע, האָט זיך א גרופּע פאַר־ריזער אידישע כּלל־טוער פאר זיי משתדל געווען ביים פראַנצויזישען אינערען־מי־ניסטער. דער מיניסטער האָט מאָטיווירט די ארויסשיקונגען דערמיט, וואָס די אי־דישע עמיגראַנטען געהען אום אָהן אַר־בייט און שטעלען כלומרשט מיט זיך פאר א סכנה פאר דער „עפּענטליכער אָר־דענונג". ס'איז דעמאָלט געלונגען צו פּועל'ן, אז די פּאָליציי זאָל צורוה לאָזען אזוינע אידישע עמיגראַנטען, וואָס קענען

(שלוס אויף זייט 15)

די אינדיפּענדענט קלאָוק און ריפּער דיסטריקטס

מיין טייערער רעדאַקטאָר, פריינד און ברודער יאַנאָווסקי:

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך שוין פאַרגעסען צו שרייבען, און ווי איהר ווייסט, איז שווער אָנצוהויבען אַ נייע אַרבייט. אָבער איך בין נעבאך געצוואונגען צו טאָן עס און אָנפאַנגען אויף דאָס ניי צו שרייבען באַריכטען אין דער „גערעכטיגקייט". און שולדיג אין דעם איז דער סטעף רעפּאָרטער, וואָס וויל מיך ניט באַזוכען. ער האָט אַ טענה: איהר קענט אַליין שרייבען, בין איך פּטור פון אייך. האָב איך זיך געמאַכט ניט וויסענדיג און געדענקט, אַז ער וועט זיך איבערבעטען: סטייטש, אַן אָפיס, וואָס נעהמט אַרום 12 טויזענד אַרבייטער, אַ פערטעל פון קלאָוק־טרייד און מען הערט גאָרניט? אָבער דער סטעף רעפּאָרטער האַלט זיך ביי דאָס זייניגע. האָב איך זיך איבערגעבעטען און וועל נעבאך ווייטער אַליין מוזען שרייבען פון צייט צו צייט באַריכטען פון דיזען אָפיס. ווינשט מיר גליק, מיין טייערער פריינד רעדאַקטאָר.

מיר האָבען פאַר די לעצטע צוויי וואָכען אַטענדעט 388 פאַרשיידענע קאָמפּליינטס. 272 פון אינדעפּענדענט דעפּאַרטמענט און 66 פון ריפּער דעפּאַרטמענט. זיי זיינען ווי פאָלגט:

אונגלייכע צוטיילונג פון אַרבייט 26.
בעלי בתים האָבען ניט באַצאָהלט דעם ריכטיגען פּרייז — 11.
ניט יוניאָן־מעמבערס זיינען באַשעפטיגט — 3.
אַרונטערלאָזען פון די פּרייזען — 3.
דיסטשאַרדזשט יוניאָן מעמבערס 44.
קאָנטראָלס, אינוועסטיגיישאָנס, 151.
אָפּגעבראָכען צייט קאָנטראַקטען 1.
פאַרשיידענע קאָמפּליינטס — 80.
סטרייקס — 6.
נייע שעפּער געסעטעלט — 13.
אַרויס פון ביזנעס — 1.

איא, אַ גרויסער צעטעל פון קאָמפּליינטס, און ווען מיר וועלען פאַרטיג ווערען מיט דעם רעזולטאַט פון די קאָמפּליינטס, וועלען מיר קומען צום שלוס, אַז די בעלי בתים מעגען אויפגעבען דעם געדאַנק, אַז זיי וועלען קענען עפּעס געווינען אין דער איצטיגער פאַר זיי „גינסטיגער" צייט, ווי זיי רעכענען, און אַרויפצווינגען שלעכטע קאָנדיציאָנען אין די שעפּער.

צוערשט קומען די דיסטשאַרדזש־קייסעס. 44 בעלי בתים האָבען ענטזאָגט אַרבייטער פון דער אַרבייט פאַר פאַרשיידענע אורזאַכען, און נאָכדעם ווי די יוניאָן האָט אונטערזוכט ווי וויים דיזע פירמעס זיינען באַרעכטיגט צו ענטזאָגען דיזע אַרבייטער, האָבען מיר געפונען, אַז 32 פון זיי זיינען אַבּסאָלוט ניט גערעכט, און, זעלבסטפאַרשטענדליך, זיינען זיי רעאינסטייטעט געוואָרען און די מעמבערס האָבען צוריק זייערע פּלעצער. אין 7 קייסעס האָבען די אַרבייטער אַליין אויפגעגעבען זייערע קליימס און דער אָפיס האָט געלאָזט פאַלען די קאָמפּליינטס. 5 דיסטשאַרדזש קייסעס האָט דער אָפיס ניט רעאינסטייטעט, ווייל 3 זיינען געווען גערעכטע, און צוויי האָבען מיר אָפּגעלעגט פאַר אַ גינסטיגער צייט, ווייל די צוויי פירמעס האָבען קיין אַרבייט ניט.

דיסטשאַרדזש קייסעס וועלכע זיינען רעאינסטייטעט.

דזש. ראַדזשערס האָט דיסטשאַרדזשד אַ סעמפּעל מייקער. רעאינסטייטעט.
סילווער און קאַווסקי האָט דיסטשאַרדזשט אַ פינישער. רעאינסטייטעט.
קאַץ, 221 וועסט 27טע סטריט — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
גינזבורג, 142 וועסט 37טע סט. — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
ברוקנער און גינזבורג — אַ פּרעסער רעאינסטייטעט.
דזשייקאָבסאָן און גייגער — דריי פינישערס רעאינסטייטעט.
סי, בעל קלאָוק קאָ. — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
דזש. ס. לונץ — אַ פּרעסער רעאינסטייטעט.
מילער, סווירסאָן און גאָלדסטיין — אַ שטיק־שניידער רעאינסטייטעט.
גאָלדבערג און עהרענטאַל — אַן אונטערפּרעסער רעאינסטייטעט.
מאָריס טאַג — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
טענען און קאַפּלאָוו — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
גלעס און שאַפער — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
גוטקין בראָס. — אַ פּרעסער רעאינסטייטעט.
דזש. גאָלדסטיין — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
אַלטאַש און דייווים — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
סאָלאָמאָן בלום — 2 שניידער רעאינסטייטעט.
[illegible]ריס ליסס — 3 אָפּרייטאָרס און אַ [illegible]שער רעאינסטייטעט.
דרייער, זאַנפט און גענז — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
בערנשטיין און פּרעס — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
יולין און איינסטיין — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
סאַנדיגורסקי בראָס. — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
דזשאָזעף וויינשטיין און קאָ. — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
פּיט וועל קלאָוק קאָ. — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
רעלייאַייבעל קלאָוק קאָ. — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
פיליפּ שלאַנסקי — אַ פינישער רעאינסטייטעט.
סופּרים קלאָוק קאָ. — אַ פּרעסער רעאינסטייטעט.
קליפּסטיין — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.
אַ. און דזש. קלאָוק קאָ. — אַן אָפּרייטאָר רעאינסטייטעט.

דיסטשאַרדזשעס וועלכע זיינען ניט רעאינסטיימעט.

ריאַלטאָ קלאָוק קאָ. — די פירמע האָט אַרונטערגעשיקט פּרעסער אַבּראַמאָוויץ. עס איז באַוויזען געוואָרען, אַז דער באַטרעפענדער פּרעסער איז אַוועק אַרבייטען אין אַן אַנדער פּלאַץ אָהן דער צושטימונג פון דער פירמע און דער יוניאָן. זיין קייס איז פאַרלאָרען.

בלום און פינקעלשטיין. — די פירמע האָט דיסטשאַרדזשט אַן אָפּרייטאָר, ווייל ער איז אַ ביזנעס־מאַן אין אַ שטעטעל דערביי. דער אָפּרייטאָר האָט אַ סטאָר פון ליידיס וועאַר און דאַרום קעהרט ער ניט פאַר דער אַרבייט און דער פירמע קומט אויס צו ליידען דערפון. נאָך אַן אונטערזוכונג איז באַוויזען געוואָרען, אַז דער פירמעס קליים איז אַ ריכטיגע. דער באַטרעפענדער איז ניט רעאינסטייטעט געוואָרען.

פיינמאַן און סאָן האָט דיסטשאַרדזשד אַן אָפּרייטאָר אָהן אַן אורזאַכע, נאָר בּשום „ווייל אַזוי וויל איך און פאַרטיג". מיר האָבען געזעהן, אַז די פירמע רעדט אַזוי, ווייל עס איז קיין אַרבייט ניטאָ. מיר האָבען גערופען אַ שאַפּ־מיטינג און אינסטרואירט די לייטע, אַז ווען אַרבייט וועט אַריינקומען זאָלען זיי זיך ניט זעצען אַרבייטען אָהן דעם דיסטשאַרדזשטען ברודער, און מיר זיינען זיכער, אַז די פירמע וועט זיך לאָזען איבערבעטען.

מייקעל און בידאַק האָט דיסטשאַרדזשט צוויי אָפּרייטאָרס. אונטערזוכענדיג די קייס, האָבען מיר געפונען, אַז זיי זיינען אַוועק אַרבייטען אין אַן אַנדער שאַפּ אָהן דער צושטימונג פון דער פירמע און דער יוניאָן. די קייס איז פאַרלאָרען.

די צווייטע פראַגע, מיט וועלכער דעם אָפיס קומט אויס יעצט צו פאַרנעהמען זיך, איז ניט גלייכע צוטיילונג פון אַרבייט. אין דער יעצטיגער צייט, ווען דער סיזאָן איז נאָך ניט אין פולען גאַנג און קיין אַרבייט פאַר אַ פולער וואָך איז נאָך ניטאָ, טרייען די בעלי בתים צו געבען אַ „שאָו" צו די „פייוואָריטס" אין שאַפּ, און דערווייל דיסקרימינירען זיי געגען די גוטע יוניאָן לייט. דיזע פראַגע איז פאַר אונז זעהר וויכטיג און מען מוז געבען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, אַז די אַקטיווע מעמבערס פון שאַפּ זאָלען ניט דיסקרימינירט ווערען.

מיר האָבען אַטענדעט צו 26 אַזעלכע קאָמפּליינטס אין די פאָלגענדע שעפּער:

לעוועטנטהאַל און האַראָוויץ, וועגען פינישערס.
קרעסענט קלאָוק קאָ. — נישט געגעבען אַרבייט אַ פּרעסער.
ה. און ב. רובין — וועגען אַ פּרעסער.
דזש. ראַדזשערס — צווישען די סעמפּעל מייקערס.
לאַנדסקענער און סאַנדלער — ביי די אָפּרייטאָרס.
בלום און פינקעלשטיין — אַן אָפּרייטאָר ניט געגעבען קיין דופּליקייט.
מ. ד. ראָזענבערג — ביי די אָפּרייטאָרס.
גאָלדבערג און עהרענטהאַל — ביי די אונטערפּרעסער.
פישקין און קאָ. — אין פינישינג דעפּאַרטמענט.
סוטין בראָס. — צווישען די אָפּרייטאָרס.
פּאַרעץ בראָס. אין פינישינג דעפּאַרטמענט.
דזש. דאַן — אין פינישינג דעפּאַרטמענט.
איי. נוירווירט — צווישען די אָפּרייטאָרס.
באַרנשטיין און פּרעס — דאָסזעלבע.
זאָלצבערג און וואַסערמאַן — צווישען אַלע דעפּאַרטמענטס.
עס. קיי, עס — ביי די באָטען־נעהער.
לאַנגקאַנדעל און סאַנדלער — צווישען די אָפּרייטאָרס.
מאָסקאָוויץ און סאָן — וועגען די פינישערס.
מאַרקוס און בירענבאום — צווישען אַלע דעפּאַרטמענטס.
ה. קליינמאַן — וועגען אַן אונטערפּרעסער.
דאַבּעליו פיליפּס — צווישען אַלע דעפּאַרטמענטס.
ס. קאָהען — צווישען די פּרעסערס.
וואַנו קאָוט האָוז — צווישען די עקזאַמינערס.
גלאָוב קלאָוק קאָ. — ביי די אָפּרייטאָרס.
מילעס און פינקעל — דאָסזעלבע.
מייקעלס און בידאַק — אין קאָטינג דעפּאַרטמענט.

סטרייקס און סעטעלמענטס.

העכט און פּיטאָפּסקי, 37 וו. 28טע סט. — דיזע פירמע האָט געשיקט אַרבייט אויטסייד און ניט געוואָלט זאָגען וואוהין זי שיקט, האָט דער ביזנעס אייזשענט, ברודער פּרעס, געסטאָפּט דעם שאַפּ, ווייל עס איז אַ פאַרלעצונג פון דעם אַגרימענט. די פירמע איז געקומען אין אָפיס האָבען אַ דין־תורה מיט'ן ביזנעס אייזשענט, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו סטאָפּען דעם שאַפּ, און ווען מען האָט מר. העכט'ן ערקלעהרט, אַז דאָס איז אַ פּונקט פון אַגרימענט און מיר היטען עס אָפּ, האָט ער אַלץ ניט געוואָלט פאַרשטעהן וואָרום מען מעג סטאָפּען. ער האָט נעבאך געמוזט צוזאָגען מעהר אַזוינס ניט צו טאָן און אויך געזאָגט וואוהין די אַרבייט איז געגאַנגען.

קוי קאַפּלאַן, 155 וועסט 34טע סט.— ווי איהר זעהט איז דאָס גאָר אַ קליינער נאָמען און עס האָט דיזען באַלעבאָס פאַרדראָסען, וואָרום עס איז קליין, האָט ער אָפּגעזוכט נאָך אַ פירמאַ און גראָדע אַזאַ, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערען פון איהר סעט יוניאָן לייטע אום צו קענען קריגען בילינגערע הענט און אום דאָס צו פאַרדעקען, האָבען זיי זיך אויפגעלייזט און נעבאך געוואָרען אַרבייטער ביי דיזען קאַפּלאַנ'ען, איינעם אַלס דעזיינער און דער צווייטער אַלס סיילסמאַן. און מיר האָבען זיך געשווינען און געוואָרט, וואָס וועט זיין, ווייל די צוויי חברה־לייט האָבען שוין ניט דאָס ערשטע מאָל „אויפגעגעבען" און אַזוי איז עס יעצט אויך געווען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און מיר האָבען זיי איבערצייגט, אַז עס איז איין פירמאַ, נאָר מיט אַ גרויסען נאָמען, קאַפּלאַן, בענדער און בענגענטהאַל. נאַטירליך האָבען זיי געמוזט נאָך אַ פּאָר טעג סטרייקען צונעהמען אַלע אַרבייטער פון געוועזענעם שאַפּ בענדער און בענגענטהאַל.

וואַנו קאָוט האָוז, 14 איסט 32טע סטריט. — אַן עקזאַמענער איז געקומען אין אָפיס און קאָמפּליינט אַז דעם בעלי בית'ס אַ ברודער האָט איהם געשלאָגען. דער שאַפּ איז גלייך געסטאָפּט געוואָרען און דער עקזאַמינער האָט געקראָגען 50 דאָלאַר רעמעדזשעס.

אַ. פּלאַשבערג, 156 וועסט 26טע סט. — דיזע פירמאַ האָט זיך געמאַכט נאַריש אַזוי ווי אַלע מאָל און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי אַרונטערלאָזען פון די פּרייזען, און אויב ניט, וועלען זיי ווערען „דזשאָבערס", פּשוט געדרעדט, אַרויסגעבען מאַכען די אַרבייט אויטסייד. נאָך צוויי וואָכען סטרייקען האָט מר. פּלאַשבערג זיך איבערצייגט, אַז אומזיסט טראַבּעלט ער זיך, און האָט געלאָזט רופען די יוניאָן און געסעטעלט. נאַטירליך פאַרגעסענדיג אַן זיינע פריהערדיגע פאָדערונגען.

אַשלאַנד קלאָוק קאָ., 139 וועסט 19טע סטריט. — דיזע פירמאַ האָט אַרונטערגעשיקט 4 אָפּרייטאָרס, ווייל זיי האָבען ניט געקענט דורכקומען אין פּרייז. אַלע זיינען ריעסטייטעט געוואָרען נאָך אַ פּאָר טעג סטרייקען.

סעלייבל קלאָוק קאָ., 35 איסט 8טע סטריט. — מיר האָבען געסטאָפּט דיזען שאַפּ, ווייל זיי האָבען געמאַכט אַרבייט פאַר ה. ב. רובין. נאָך דעם ווי די באַנדעלס זיינען צוגענומען געוואָרען צו ה. ב. רובין, איז דער שאַפּ געשיקט געוואָרען צו דער אַרבייט.

נייע שעפּער געסעטעלט.

קאָוף און פרידמאַן, 110 וועסט 30טע סטריט.
קאָהן און לאַנדאַ, 15 איסט 30טע סטריט.
קאָסמאָפּאָליטען גייד, 15 וועסט 17טע סטריט.
ערדעלמאַן און ברוק, 12 איסט 33טע סטריט.
קאָוונער און ווייסבערג, 110 וועסט 26טע סטריט.
לודוויג און שייפערט, 6 וועסט 18טע סטריט.
שוואַרץ און האַווער, 128 איסט 16טע סטריט.
אַקסעלראָד און סאַטניק, 5 וועסט 21טע סטריט.
אַ. ניומאַן, 302 וועסט 36טע סטריט.
ליבערמאַן און טשעסטער, 145 וועסט 27טע סטריט.
פעלדמאַן און זאַג, 16 איסט 17טע סטריט.
ראָזמעריי קלאָוק קאָ., 16 איסט 30טע סטריט.
פריד און מאָסקאָוויץ, 33 איסט 9טע סטריט.

דיזע אַלע שעפּער האָבען געליינט מיט דער יוניאָן אַ סעקיוריטי פון 2 טויזענד און פינף הונדערט דאָלאַר. מיר האָבען אויך אויפגעמאָנט בעק פּעי 285.72 דאָלאַר. צוזאַמען קאָלעקטעט 2,785.72 דאָלאַר.

דניאל ניסנעוויץ, מענעדזשער,
אינדעפּענדענט און ריפּער דעפּאַרטמענטס.

עקזאַמינערס, באַנדאַדערס, בושלערס יוניאַן, לאָקאַל 82

דער יעצטיגער שטילשטאַנד אין דעם טרייד האָט אַם שטאַרקסטען געטראָפען אונזער יוניאָן. ווען עס איז סלעק, קען נאָך דער אָפּרייטאָר, פינישער און פּרעסער אַלץ האָבען אַ מעגליכקייט צו מאַכען איינינע שטונדען אָדער טעג אויף די ביי־סעל אַרבייט, וואָס עס איז פאַראַן. אַ באָס וועט אַליין זיך ניט אָנעקזוצען אָפּרייטען, פינישען אָדער פּרעסען. יעדער קליינער באָס וועט אָבער, אַזוי שנעל ווי עס ווערט סלעק, זיך כאַפּען צום פיגור און אַליין עקזאַמינירען, פינען, מאַרקען און בושלען. אונזער טרייד געפינט זיך־מייסטען אין, לוידער, די קליינע שאַפּקעס, און דער עקזאַמינער איז דער ערשטער קרבן. די צאָהל אַרבייטסלאָזע איז דאַרום ביי אונז יעצט פיעל גרעסער, ווי ווען עס איז פריהער, און דאָס מוז נאַטירליכערווייזע האָבען אַ ווירקונג אויף דער יוניאָן גופא.

די צאָהל אַרבייטער פון אונזער פאַך איז אַ קליינע, און דאַריבער זיינען מיר זעלטען אימשטאַנד אַליין, מיט די אייגענע כחות, אויסקעמפען אונזערע רעכטע אין שאַפּ, סיידען די אַרבייטער פון די גרעסערע, מעכטיגערע לאָקאַלס, וואָס זיינען אין שאַפּ מעהרער אין צאָהל, זאָלען אונז אַרויסהעלפען. אָבער, לוידער, יעדע אַרבייטער, מיט וועלכע מיר באַאַנגען צוזאַמען, טוען ניט אימער זייער פליכט; זיי מאַכען זיך אָפט ניט זעהענדיג, ווען אַנשטאָט אַן עקזאַמינער, שטעלט זיך דער קליינינקער באָסעלע אַליין אַוועק ביים פיגור.

עס איז דאַרום יעצט די ריכטיגע צייט צו דערמאָהנען אונזערע עלטערע, שטאַרקערע ברידער, אַז פּונקט אַזוי ווי זיי וואָלטען ניט געוואָלט ליידען, אַז דער באָס זאָל אַליין זיך זעצען אָפּרייטען אָדער שטעלען זיך פּרעסען, פּונקט אַזוי דאַרפען זיי ניט דערלאָזען, אַז דער באָס וואָס האָט בעפאַר באַשעפטיגט אַן עקזאַמינער, זאָל יעצט אַליין זיך שטעלען ביים פיגור. די לאַסט פון אַ קריזיס טאָר ניט פאַלען אויסשליסליך אויף דעם שוואַכערען טייל אַרבייטער. מיר בעטען דאַרום די שאַפּ־טשערלייטע אַזוי גוט ווי די ביזנעס־אייזשענטס, וועלכע קאָנטראָלירען די שעפּער, אַכטונג צו געבען אַביסעל מעהר אויף די עקזאַמינערס אינטערעסען אין דער יעצטיגער צייט.

* * *

אונזער יוניאָן האָט גוטגעהייסען דעם פאָרשלאַג פון דער עקזעקוטיווע, אַז אונזערע מעמבער־מיטינגען זאָלען געהאַלטען ווערען צוויי מאָל אַ מאָנאַט — דעם ערשטען און דריטען מאָנטאַג פון יעדען מאָנאַט (אויסער די זומערדיגע מאָנאַטען). אונזער נעקסטער מיטינג וועט דאַרום זיין דעם 7טען פעברואַר אין אונזער מיטינג־לאָקאַל — סטייוועסענט קאַסינאָ, 140 צווייטע עוועניו. מיר מאַכען אַראַנדזשמענטס צו האָבען די צווייטע לעקטשור ביי דיזען מיטינג. די טעמאַ פון דער לעקטשור איז: „דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער קאַמף פון די אָרגאַניזירטע אַרבייטער". יעדער מעמבער מוז אומבאַדינגט קומען.

* * *

מיר האָבען אויבען באַשפּראָכען די טרויעריגע לאַגע פון אונזער פאַך אין דער יעצטיגער שלעכטער צייט. ניט אין אַלע שעפּער איז אָבער יעצט סלעק, פאַראַן אויך גענוג שעפּער, וואו עס איז יאָ דאָ אַביסעל, און אין מאַנכע טאָקע אַ סך אַרבייט. דאָרט אַרבייטען עקזאַמינערס, און זיי פאַרדינען. צו דיזע עקזאַמינערס ווענדען מיר זיך, צו באַצאָהלען זייערע שולדען אין דער יוניאָן. אַ יוניאָן קען, ליידער, אָהן געלד היינטיגע צייטען ניט עקזיסטירען. די, וואָס זיינען אַרבייטסלאָז, קענען יעצט זייערע דיוס ניט באַצאָהלען. די אָבער, וואָס אַרבייטען יאָ, מוזען און זאָלען באַצאָהלען זייערע שולדען אין דער יוניאָן. די שאַפּ־טשערלייטע און ביזנעס־אייזשענטס זייען נעבען דאַרויף שטרענג אַכטונג צו געבען.

מ. י. אַשפּיז, סעקרעטער.

אומזיסט איין טאג ארבייט. ער ווייס, ווי שטארק דער ארבייטער נויטיגט זיך אין זיין פארדיענסט, דער איינציגער קוואל פון זיין חיונה. אבער, פון דער אנדערער זייט, ווייס דער דזשאינט באַארד, אז ביז די גאנצע דרעס און וויסט אינדוסטריע וועט ניט זיין גוט ארגאניזירט, איז קיין ארבייטער, אפילו אין די יוניאן-שעפער און מיט אן אונטערגעשריבענעם אגרימענט, ניט זיכער מיט דעם, אז ער זאל קריגען אויף לאנג א יוניאן ווידזש, און אז אלע זיינע רעכטע אלס ארבייטער, זאלען זיין באמת באַשיצט. און אט דערפאר, צוליעב דעם פיעל גרעסערען געווינס פאר אלע ארבייטער, דארפען די ארבייטער געהן אפּפערען א פאר טעג ארבייט.

עס איז ניטא דער מינדעסטער צווייפעל, אז די ארבייטער וועלען ענטפערען אויף דעם רוף פון זייער יוניאן, און זיי וועלען אלע אין דער באשטימטער שטונדע פארלאזען זייערע שעפער. מיר, פון אונזער זייט, מעגען שוין באצייטענס גראטולירען די דרעססמאכער און וויסטמייקערס מיט א גרויסען, שעהנעם זיעג, און טאמער וועלען א פאר מאנופעקטשורער אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע זיך דוקא איינשפארען און ניט וועלען סעטלען מיט דער יוניאן, וועט די יוניאן געווים מיט אלע איהרע כוחות אויפנעהמען דעם קאמף געגען זיי ביז אויף זיי וועלען איינזעהן, אז קיין אנדער אופן ווי צו מאכען פארטיג זייערע ארדערס, איז ניטא, ווי אנצונעהמען אלע געשטעלטע פאדערונגען פון דער יוניאן, און אונטערשרייבען דעמזעלבען אגרימענט, וועלכען די דרעססמאנופעקטשורער האבען אונטערגעשריבען נאך איידער דער סטרייק איז גערופען געווארען, ווייל זיי האבען איינגעזעהן, אז דאס איז דער איינציגער וועג.

אייגענע ארבייטער-בענק.

אויף דעם לעצטען מיטינג פון דער באלטימארער פעדעריישאן אוו לייבאר האט לאקאל 143, די באילער-מייקערס יוניאן, אריינגעטראגען א רעזאלוציע, אז אלע ארבייטער ארגאניזאציעס און אלע אינדיווידועלע ארבייטער זאלען ארויסנעהמען זייערע אפגעשפארטע פאר דאָלאר פון די בענק. די דאזיגע רעזאלוציע איז אבער ניט איבערגעגעבען געווארען צו דער אבשטימונג פון די דעלעגאטען, נאר זי איז איבערגעגעבען געווארען צו דער באטראכטונג פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע.

דער מאטיוו, ווארום די דאזיגע רעזאלוציע איז איבערגעגעבען געווארען צו דער עקזעקוטיוו קאמיטע, איז גאנץ פארשטענדליך. פאסען א רעזאלוציע און ניט קענען איהר באלד דורכפיהרען ווירקזאם, האט ניט קיין זין. וואס וואלטען די ארבייטער א שטייגער געקאנט טאן דערווייל מיט די פאר דאלאר, וואס זיי וואלטען ארויסגעצויגען פון די בענק, אויב זיי האבען ניט דערווייל קיין אייגענע באנק, וואוהין דאס געלד אריינצוטראגען ? ווידער, עפענען אן אייגענע באנק, דאס נעהמט צייט, דערצו פאדערען זיך פיעלע פארבארייטונגען.

אבער וויכטיג איז, אז אזא רעזאלוציע איז אריינגעבראכט געווארען. זי צייגט קלאר, אז ביי גאר פיעלע ארבייטער הויבט אן צו טאגען אין זייערע מוחות ; אז פיעלע ארבייטער הויבען אן צו פארשטעהן, ווי נאריש עס איז פאר די ארבייטער איבערצוגעבען זייער געלד אין די הענד פון די, וועלכע זיינען זייערע שונאים, וועלכע האבען זיך פארשווארען צו צוברעכען זייער אייניגקייט, זייערע יוניאנס, און דערצו באנוצען זיי זיך מיט דער וואפע, וואס דער יוניאן-מאן אליין גיט ארײַן אין זייערע הענד. פיעלע ארבייטער אין אמעריקא זיינען שוין געקומען אויף דעם געדאנק, און אין מאנכע פלעצער האבען זיי געעפענט זייערע אייגענע בענק. ווי עס זעהט אויס, פארשפרייט זיך דער געדאנק אלץ שנעלער, און עס איז גאר ניט אונמעגליך, אז נאר אין א קורצער צייט זאל דער קאפיטאליסטישער קלאס אויסגעפינען, אז אום צו צוברעכען די ארבייטער-יוניאנס, וועט ער זיך מוזען באנוצען מיט זיין אייגען געלד, אבער ניט מיט דעם געלד פון די ארבייטער.

ניו יארק און אויסער ניו יארק

(שלום פון דער גרויסער דעבאטע אויף דעם מיטינג פון דער ג. ע. ב. אין באסטאן).

פון ש. יאנאווסקי.

עלף זיצונגען האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעישאנאל געהאט אין באסטאן. דאס איז געווען א וואך פון אזא שווערער, אנגעשטרענגטער ארבייט, פון וועלכער איינער פון דרויסען קאן זיך קוים מאכען א באַגריף. און דאך, אלע רעדען, דעבאטען און באשליסע האבען זיך געדרעהט בלויז ארום איין ענין : ניו יארק און די אנדערע שטעדט, וואו קלאוקס ווערט געמאכט.

דאס מערקווירדיגע איז, דאס די גרויסע פראבלעמע פאר אונזער אינטערנעישאנאל אין דעם איצטיגען מאמענט איז ניט ניו יארק, וועלכע איז אימערצו געווען די פעסטונג פון אונזער אינטערנעישאנאל, און איז פארבליבען אזוי ביז היינטיגען טאג, נאר גראדע די שטעדט אויסער ניו יארק.

עס איז א לאגע, וואס איז ווירקליך אין איהר כאראקטער גאנץ נייע. ניו יארק איז אימער געווען די טאן-געבערין פאר אלע אונזערע אינדוסטריעלע שטעדט אויסער ניו יארק. „ווי ניו יארק איז געגאנגען, אזוי פלעגט אויף געהן די קאנטרי". האט מען אין ניו יארק איינגעפיהרט וואך-ארבייט, האט זיך דער פארלאנג נאך וואך-ארבייט, ווי א וואלדפייער פארשפרייט איבער דער קאנטרי, און זי איז איבעראל איינגעפיהרט געווארען. דאס זעלבע אויף מיט ווייידזשעס און אנדערע באדינגונגען. דאס האט געפיהרט, דערצו, דאס די אינטערנייישאנאל האט אימער-צו געהאט אן איינהייטליכע פאליסי, וועלכע האט געהאט איהר גילטיגקייט פאר אלע אנדערע אינדוסטריען, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען. אין דער לעצטער צייט איז אבער די לאגע געווארען אזא, דאס די קלענערע שטעדט האבען געקראגען א שטארקען חשק צו דיקטירען באדינגונגען צו ניו-יארק.

די לאגע איז ווירקליך א גאנץ מאָדנע, ווען מען באטראכט, אז עס איז ניו יארק, וועלכע האט ארגאניזירט אלע אונזערע אינדוסטריען אין פארשידענע שטעט. ווי וואלטען, למשל, געקאנט געמאלט זיין קליוולאנד, טאלידא סינסינעטי טאראנטא אלס יוניאן-צענטערס פאר קלאוקס אהן דער הילף פון ניו יארק ? אין קליוורלאנד אליין, למשל, האט ניו יארק אריינגעזונקען ניט ווענינער ווי א מיליאן דאָלאר. ווער רעדט שוין פון די יוניאנס אין אנדערע שטעדט, זיינען זיי נאך איצט אויף „אויף קעסט" ביי ניו יארק, און דאך איז די לאגע איצט אזא, דאס אט די קעסט-קינדער-יוניאנס ווילען דיקטירען די פאליסיס פאר ניו יארק. די באסעס האבען די ארבייטער אין די קאנטרי-שטעט א סטראשע געטאן, אז, אויב ניט קיין „סטענדארד אוו פראדאקשאן", אדער שטיק-ארבייט, קלענערע ווייזשעס אדער לענגערע שטונדען, קענען זיי קיין ארבייט ניט קריגען, איז ביי זיי רעכט, אז אפילו ניו יארק זאל זיך אומקעהרען צו די אמאַליגע ארבייט-צושטענדע און אנהויבען ארבייטען אויף דיזעלבע באדינגונגען, וועלכע עס ווערען זיי געשטעלט פון זייערע באסעס, אדער, אז די אינטערנייישאנאל זאל אמווניגסטענס זיי לאזען ארבייטען אויף די באדינגונגען, וועלכע זיינען פונקט להיפוך צו די ארבייטס-באַדינגונגען אין ניו יארק.

פארשטעהט זיך, אז עס איז ניט מעגליך ניט דאס ערשטע און ניט דאס צווייטע. די ניו יארקער ארבייטער וועלען ניט נאר ניט ענדערען זייער סיסטעם פון ארבייט, נאר פארקעהרט, זיי וועלען קעמפען פאר איהר ערהאלטונג מיט אלע זייערע כוחות, און די אינטערנעשאנאל ווידער קען בשום אופן ניט האבען צווייערליי פאליסים, מיט צווייערליי ארבייט-סיסטעמען, איינע פאר ניו יארק און די צווייטע פאר דער קאנטרי. פאר ישרען, וואס וויל גאר אביסעלע נאכדענקען, איז עס קלאר, אז דאס וואלט באלד געפיהרט צו דער גרעסטער דעמאראליזאציע.

דער פאקט איז, דאס ווען אין א געוויסע שטאדט האט אן אינדוסטריע, וואס געהערט ניט צו דער אינטערנעשאנאל, כאטש זי איז ענג פארבונדען מיט אונז אלס א נאדעל אינדוסטריע, האט געלאזט איינפיהרען אין איהרע שעפער א געוויסען סטענדערד אוו פראדאקשאן, האט דאס ארויסגערופען א גרויסען חשק ביי די באַסעס אין אונזער אינדוסטריע צו פארלאנגען דאסזעלבע. זייער טענה איז א פשוט'ע : ווי באלד יענע יוניאן קען עס טאן, טו ווארום ניט איהר ? אויב יענע באסעס אין זייערע פעקטאריס קענען עס האבען, טו ווארום ניט מיר ?

איז אויף אזא פאדערונג פון אונזערע באסעס קען אונזער אינטערנעשאנאל מיט א געוויסען רעכט ענטפערען : אן אינדוסטריע צו אן אינדוסטריע איז ניט גלייך. דאס וואס איז מעגליך און אפשר נויטווענדיג אין איין אינדוסטריע, קען זיין אונמעגליך אין א צווייטער. אבער ווי קען אונזער אינטערנעשאנאל ערלויבען איין סארט ארבייט-סיסטעם אין איין שטאדט און קעמפען געגען דיזעלבע סיסטעם אין א צווייטער שטאדט אין דער זעלבער אינדוסטריע ?

די אינטערנעשאנאל קען עס ניט דערלאזען און דערפאר קומט אויס א מאדנע לאגע. די ארבייטער אין די פארשידענע שטעט, אויסער ניו יארק, פארגעסענדיג וואס ניו יארק האט געטאן פאר זיי, זיינען פון דער מיינונג, אז זייערע אינטערעסען ווערען איצט געאפפערט אין די אינטערעסען פון ניו יארק.

אזא מין גראנקען-גאנג האט געפיהרט דערצו, וואס אין מאנכע שטעט האבען מאנכע יוניאן-ארבייטער אנגעהויבען צו רעדען פון אן „איסט" און „וועסט", אזוי ווי זייערע אינטערעסען וואלטען געווען גאנץ פארשידענע. ווען זיי וואלטען געקענט אויספיהרען, וואלט ביי זיי רעכט געווען, אז די אינטערנעשאנאל זאל זיך צושפאלטען אויף צוויי, אין אן איסטערן און וועסטערן אינטערנעשאנאל. נאטירליך, איז דאס אלעס אונזין. אבער, ווען מען נעמט אין אנבאטראכט די איצטיגע לאגע, מוז מען זיך מיט אט דעם אונזין שטארק רעכענען.

אט דאס איז עס געווען, וואס האט פארנומען די גאנצע צייט פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו אין באסטאן.

די איצטיגע לאגע איז, ווי איינער פון א באסטאנער דעלעגאציע האט זיך אויסגעדריקט, אזא : ביז ערשט ניט לאנג צוריק זיינען עס געווען די ארבייטער, וועלכע האבען געשטעלט פאדערונגען צו די באסעס. אין דער לעצטער צייט אבער זיינען עס די באסעס, וועלכע שטעלען פאדערונגען צו די ארבייטער. ווען די ארבייטער האבען געשטעלט פאדערונגען, האבען די באסעס געהאט א ברירה : אדער נאכגעבען די פאדערונגען, אדער זיי ניט נאכגעבען, און ערווארטען א קאמף, א סטרייק פון דער זייט פון די ארבייטער. איצט, אז די באסעס שטעלען פאדערונגען איז די לאגע אזא : אדער די ארבייטער גיבען נאך, און אויב ניט, ווערען די שעפער פשוט צונעשלאסען, און זייער ארבייט ווערט געמאכט ערגעץ-אנדערש. עס העלפט דא ניט קיין קאמף, קיין סטרייק. טו וואס זאלען די ארבייטער מאכע טאן אין די שטעט, וואו די באדינגונגען זיינען אזעלכע ?

און דער איינשטימיגער באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז, אז ערנסט ווי עס איז די לאגע פאר די ארבייטער אין אזעלכע שטעט, אבער דאך קיין אנדער אויסוועג פאר די ארבייטער-יוניאן-לייט איז ניטא, ווי צו שטעהן פעסט אויף אלץ, וואס זיי האבען ערקעמפט ביז איצט, אפילו, ווען זיי זאלען דארפען דערביי שטארק ליידען. נאטירליך, מיינט ניט די אינטערנעשאנאל זיי איבערצולאָזען צו זייער שיקזאל, זי וועט זיי העלפען מיט אלץ, וואס זי וועט נאר זיין בכוח, אבער פון נאכגעבען דעם פארלאנג פון די באסעס, און אויף אזא אופן דעמאראליזירען די גאנצע אינדוסטריע, דערפון טאר אן אמת'ער יוניאן-מאן גאר ניט דענקען. די צייט איז איצט ווירקליך זעהר א קריטישע. אבער גראדע אין אזא צייט מוז דער יוניאן-מאן ניט פארלירען זיין קאפ און זיין מוט. גראדע אין אזא צייט מוז ער ווייזען, אז ער איז בארייט צו ליידען פאר זיין יוניאן, פאר זיינע ביטערערקעמפטע רעכטע. א יוניאן-מאן, וואס קען נאר זיין א גוטער יוניאן מאן ווען אלעס געהט כשורה, און ווי נאר עס קומט די ערגערע צייט, איז ער בארייט נאכצוגעבען אלעס, וואס ער האט געוואונען אין דער גוטער צייט. אזא ארבייטער האט ניט קיין רעכט צו רופען זיך יוניאן מאן.

דער דאזיגער פעסטער באשלוס איז דערגרייכט געווארען, ווי מיר האבען עס שוין ערקלערט אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט", נאך א העכסט-גרינדליכער דעבאטע, אין וועלכער עס האבען אנטייל גענומען אלע אונזערע מיטגלידער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. יעדער איינער פון זיי האט ביינעטראגען זיין גרויסען טייל צו דער דעבאטע, ווייל יעדער איינער אויף זיין באזונדערען פעלד האט געהאט זיינע גאנץ אייגענע ערפאהרונגען.

מעהר נאך האט געהאלפען קומען צו דעם פעסטען באשלוס דער רעפארט פון ברודער פיינבערג, מענעדזשער פון דזשאינט באארד, פון ברודער לאנגער, סעקרעטער פון דזשאינט באארד, און פון ברודער ברעסלאו, מענעדזשער פון לאקאל 35. זיי זיינען געקומען אלס קאמיטע צום דזשענעראל עקז. קאמיטע וועגען אנדערע אנגעלעגענהייטען, אבער איינמאל זיינען זיי שוין געווען אין באסטאן, האט זיי פרעזידענט שלעזינגער איינגעלאדען צו איינער פון די זיצונגען צו באריכטען וועגען דעם שטאנד פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק.

און דער רעפארט פון אלע דריי איז געווען, דאס קיינמאל איז די קלאוקמאכער יוניאן ניט געווען אזוי שטארק, ווי זי איז איצט ; קיינמאל ניט מעהר קאמפאלוסטיג ווי איצט, און קיינמאל ניט מעהר ענטשלאסען אנצוהאלטען דאס, וואס זיי האַבען געקראגען, די סיסטעם פון וואך-ארבייט, די ווייזשס-סקיילס, די שטונדען, ווי איצט.

די יוניאן אין נויארק איז ניט אויף א האר שוואכער געווארן, ווייל די „פראטעקטיוו" האט אפגעבראכען דעם אגרימענט. פארקעהרט זי איז שטארקער געווארען. ערשט איצט ווערט איהר שטארקייט און קאמף-פעהיגקייט דעמאנסטרירט מיט באַזונדערער קלארקייט יעדען טאג אין דער וואך. יע אגרימענט, אדער ניט אגרימענט, די יוניאן פארהעלטניסע אין די שעפער ווערען אזוי אפגעהיט, ווי אימער. די אינטערעסען פון די ארבייטער ווערען באשיצט אזוי שטארק, אזוי גוט ווי אימער. דער גאנצער קלאוק-טרייד איז אונטער דעם פעסטען קאנטראל פון דער יוניאן. הייסט עס, אז 80 פראצענט פון דער קלאוק אינדוסטריע, ניט אכטענדיג אויף דער גאנץ שלעכטער צייט, איז אונטער דעם פאלשטענדיגען קאנטראל פון דער יוניאן. טו ווי קען די אינטערנעשאַנאל גאר טראכטען פון אויפאפפערן די 80 פראצענט פון ניו יארק צוליב די 20 פון דער קאנטרי ? דאס וואלט דאך ווירקליך געווען אמת'ער זעלבסטמארד פון דער זייט פון דער אינטערנעשאנאל.

דאס איז געווען דער אומפארמיידליכער באשלוס פון דער דזשענעראל עקז. באארד, און וועלכער איז אנגענומען געווארען איינשטימיג. מיר זאגען איינשטימיג, כאטש וויס-פרעזידענט פערלשטיין האט ערקלערט, אז דורך דער דעבאטע האט ער זיין מיינונג ניט געענדערט. לויט זיין מיינונג וואלט די אינטערנעשאנאל, נעהמענדיג אין אנבאטראכט די לאגע פון די קאנטרי-ארבייטער, געמעגט מאכען געוויסע קאמפראמיסען. ער האט אבער צוגעגעבען, אז אזוי לאנג ווי ער בלייבט אין דער עקזעקוטיוו באארד, מוז ער נאכקומען זייעע באשליסע, און דאס ער האט ניט קיין רעכט אויף דאס מינדעסטע נעגענצואווירקען דער פאליסי פון דער אינטערנעשאנאל.

— מיט דעם האט זיך געענדיגט די גרויסע דעבאטע, און מען איז איבערגעגאנגען צו דער ענטשיידונג פון די פראגען, וועלכע דזשענעראל סעקרעטאר באראוו האט ארויסגעווארפען אין זיין רעפארט.

אבער וועגען דעם — אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט".

GERECHTIGKEIT

A Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. III, No. 6. — New York, Friday, Feb. 4, 1921.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דער איינציגער ווירקזאמער מיטעל געגען ארבייטסלאזיגקייט.

די צאהל פון די ארבייטסלאזע שטייגט מיט יעדען טאג. ערשט מיט א פאר וואָכען צוריק האט מען גערעדט פון א צוויי מיליאן ארבייטסלאזע דא אין אמעריקא, און אין די לעצטע טעג האט מען שוין געקאנט לייענען אין די צייטונגען, אז די צאהל פון די, וועלכע האבען קיין ארבייט נישט, איז באלד 4 מיליאן.

מיר האבען א שטיקעל חשד, אז די לעצטע ציפער איז שטארק איבערטריבען. און איבערטריבען מיט א בייזער כונה. די מאנופעקטשורערס אין אלע אינדוסטריען האלטען אין איין שניידען די וויידזשעס פון די ארבייטער. און די ארבייטער, מיט זעלטענע אויסנאמען, כאפען א שווייג, און ארבייטען פאר א לוין, וועלכער איז אין דעם איצטיגען יקרות, אן אמת'ער הונגער-לוין. ווארום טוען זיי עס? ווארום אונטערווארפען זיי זיך אהן יעדען פראטעסט צו דער דאזיגער וויידזש-שניידעריי? עס איז דער שרעק פאר די 4 מיליאן ארבייטסלאזע, וועלכע, ווי זיי מיינען, שטעהען הינטער זייערע רוקענס און ווארטען מיט דער אונגעדולד און יסורים פון הונגער אויף אזא „גאלדענער" געלעגענהייט.

יע, מיר גלויבען, אז אין דיזע גרויסע צאהלען פון ארבייטסלאזע איז דא א היבשע ביסעל צייטונגס-פראפאגאנדע. דער צוועק איז צו האלטען די ארבייטער אין אייביגען שרעק פאר זייער שטיקעל ברויט.

שרעק, מורא — האט ניט לאנג ערקלערט מר. גערי, דער פרעזידענט פון שטאל טראסט, — איז אן אויסגעצייכענטער מיטעל אויפצוהאלטען די פראדוקציאנס-קראפט פון דעם ארבייטער אויף דער געהעריגער הויך. אז דער ארבייטער האט ניט מורא צו פארלירען זיין דזשאב, פראדוצירט ער ניט א העלפט פון דעם, וואס ער איז בכוח צו פראדוצירען. דארום, לויט דער מיינונג פון דיזען אמעריקאנער „קאפיטאן פון אינדוסטריע", איז צו האלטען די ארבייטסלאזע אין שרעק א טייערער מיטעל. און עס ווילט זיך גלויבען, אז די אנגעגעבענע גרויסע צאהל ארבייטסלאזע איז אויך איינע פון די מיטלען, ווי צו האלטען דעם ארבייטער אין שרעק, אזוי, אז ער זאל אפילו ניט סמייען א פיפס טאן, ווען דער באס לאזט איהם וויסען, אז פון היינט אן און ווייטער וועט ער מוזען זיך צופרידענשטעלען מיט א פינפטעל אדער מיט א פערטעל ווייניגער, פון זיין ביז-איצטיגען פארדינסט.

אבער, כאטש מיר זיינען פון דער מיינונג, אז די צאהל ארבייטסלאזע איז ווייט ניט אזוי גרויס, ווי די צייטונגען ווילען אונז איינריידען, דאך איז קיין צווייפעל ניט אין דעם, אז די צאהל ארבייטסלאזע איז גרויס גענוג אום צו מאכען די ארבייטער, וועלכע זיינען נאך ניט ארבייטסלאז, ערנסט פארטראכטען זיך וועגען דעם.

און די ארבייטער, די ארגאניזירטע, די ציעלבאוואוסטע ארבייטער אין אלע לענדער, טראכטען גאנץ שטארק וועגען דעם. אט האט לעצטע וואך די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אין ענגלאנד אפגעהאלטען א בעראטונג איבער דיזער פראגע, וועלכע איז אין ענגלאנד נאך פיל שארפער, ברענענדיגער, ווי דא אין אמעריקא. אט זיינען דא אין אמעריקא פילע ארבייטער-פארשטעהער פארגעקומען פאר דער סענאט-קאמיטע פון אויסלענדישע-אנגעלעגענהייטען מיט דער פאדערונג, אז אמעריקא זאל אנהייבען האנדלען מיט רוסלאנד, ניט, חלילה, אוים ליבע צו דעם רוסישען איצטיגען באלשעוויסטישען רעזשים, און אפילו ניט אוים ליבע צו די מיליאנען מיליאנען, וועלכע שטארבען פון הונגער אין רוסלאנד, נאר איינפאך צוליב דעם ווייל דער האנדעל מיט רוסלאנד וועט געבען ארבייט אונזערע אייגענע מיליאנען ארבייטסלאזע. די ענגלישע ארבייטער, אין זייער אנגענומענער רעזאלוציע, פאדערען דאסזעלבע: אנצוהויבען צו האנדלען מיט רוסלאנד, אזוי, אז די מיליאנען ענגלישע ארבייטסלאזע זאלען האבען וואס צו טאן.

רוסלאנד, וועלכע געהט אליין אוים פון הונגער, איז איצט די איינציגע האפנונג פאר די מיליאנען און מיליאנען ארבייטסלאזע אין אייראפא און אמעריקא... נא[illegible]ליך זיינען מיר מיט'ן גאנצען הארצען [illegible] דעם, אז די וועלט זאל ווידער אויפ[illegible] [illegible] האנדעלס-פארהעלטניסע [illegible]: די [illegible] איז לכתחילה געוועזען א הימעל-שרייענדער פארברעכען און אן אונזין. דאך ליגט זיך עס ניט ביי אונז אויפ'ן שכל, אז אין דעם איצטיגען מאמענט זאל דער האנדעל מיט רוסלאנד זיין די נויטיגע הילף געגען די הערשענדע ארבייטסלאזיגקייט. רוסלאנד, נאך אונזער מיינונג, נויטיגט זיך קודם כל אין דער אלוועלטליכער פרייוויליגער הילף פאר א לענגערע צייט, כדי עס זאל שפעטער-ווען-עס-איז קאנען ווערען א מארק פאר אונזערע איבערפליסיגע פראדוקטען. עס מוז פריהער אין רוסלאנד אויפשפראצען א נייער עקאנאמישער לעבען, אז עס זאל קאנען זיין די רעדע פון ה א נ ד ע ל מיט רוסלאנד.

און דערפאר גלויבען מיר ניט, אז די אפיציעלע ערקלערונג פון דער אדער יענער רעגירונג, אין יוראפ אדער אין אמעריקא, אז דער האנדעל מיט רוסלאנד איז כשר, ערלויבט, וועט און קאן לייזען די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט.

דעם אמת געזאגט, גלויבען מיר ניט, אז אירגענד א רעגירונג, מיט איהר בעסטען ווילען, קאן לייזען די דאזיגע ביטערע פראגע. אלע תחבולות, וואס זיינען פארגעשלאגען געווארען און אנגענומען געווארען אין דער רעזאלוציע פון די ענגלישע ארבייטער, אפילו, ווען די רעגירונג זאל זיי שוין אננעהמען, וועלען אויך ווייניג-וואס העלפען דער שרעקליכער קראנקהייט. די רעזאלוציע ערקלערט, אז די רעגירונג מוז געפינען ארבייט פאר אלע ארבייטסלאזע. דאס איז לייכט צו זאגען, אבער, ווי אז זי וועט דאך ניט געפינען? נון, פארלאנגט די רעזאלוציע, אז די רעגירונג זאל אנהאלטען איהר-ארבייטסלאזע-פענסיע פון 40 שילינג א וואך צו יעדען פאמיליען מאן און 25 שילינג צו יעדען סינגעל-מאן, אדער פרוי איבער 18 יאהר, מיט געוויסע צוגאבען פאר אלע די, וואס זיינען אפהענגיג פון זיי.

דאס איז א גאנץ שעהנער פארשלאג, אבער קען ער דורכגעפיהרט ווערען? די רעגירונג האט דאך נאר דאס, וואס זי נעהמט פון איהרע בירגער אין לאנד. געבענדיג א פענסיע פון 40 און 25 שילינג צו יעדען ארבייטסלאזען, וועט זי עס מוזען נעהמען סוף כל סוף פון די, וועלכע ארבייטען. כדי די, וועלכע ארבייטען, זאלען קענען ווי עס איז לעבען, וועלען מוזען צוריקקריגען, די [illegible] גענומענע פענסיע דורך זייערע געהעכערטע וויידזשעס. און כדי די מאנופעקטשורערס זאל, חלילה, ניט געמינדערט ווערען פון זייערע פראפיטען, וועלען זיי מוזען העכערען די פרייזען אויף די פראדוצירטע ארטיקלען. די דאזיגע פרייז-שטייגונג וועט און מוז פיהרען דערצו, אז גאר פילע זאלען ניט זיין אין שטאנד צו קויפען דאס, וואס ווערט פראדוצירט. דאס מוז פיהרען דערצו, אז די צאהל פון די ארבייטסלאזע זאל נאך מעהר פארגרעסערט ווערען, און דער סוף מוז זיין, אז נאך די אלע מיטלען זאל די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט שטארצען די ארבייטער אין די אויגען מיט דערזעלבער אומערבארימליכקייט, ווי אין דעם איצטיגען מאמענט.

פונקט אזוי ווייניג קען העלפען דער פארשלאג אויפצונעמען דעם האנדעל מיט אנדערע לענדער, אין וועלכע עס הערשט דיזעלבע מגפה פון ארבייטסלאזיגקייט, וואו די פראגע איז ניט דער מאנגעל אין פארשידענע פראדוקטען, נאר דער מאנגעל אין מענשען, וועלכע זאלען זיין אין שטאנד צו פארברויכען די פראדוקטען, וועלכע זיינען שוין געשאפען געווארען.

איין מיטעל, און דוקא א ווירקזאמען מיטעל שלאגט יע פאר די רעזאלוציע פון דעם ענגלישען ארבייטער קאנגרעס, און דאס איז א געזעצליכע רעדוצירונג פון די ארבייטס-שטונדען, צו 44 די וואך און צו א דראסטישער רעגולירונג פון איבערצייט-ארבייט. דער מיטעל קען אהן צווייפעל זעהר פיעל העלפען צו א באדייטענדע פארמינדערונג פון דער צאהל פון די ארבייטסלאזע.

אבער, פרעגען מיר, צו וואס איז נויטיג דערצו די הילף פון דער רעגירונג? ווארום מוז די רעדוצירונג פון די ארבייטס-שטונדען זיין דוקא א לעגאלע, וואס דאס מוז נעהמען א היבשע צייט דורכצופיהרען, אז די ארבייטער אליין מיט זייער אייגענער מאכט פון סאלידאריטעט און ארגאניזאציאן קענען עס לייכטער דורכפיהרען?

מיט א קורצער צייט צוריק איז געווען א באריכט אין די צייטונגען, אז דער ענגלישער פריים-מיניסטער לאיד דזשארדזש, זאל האבען פארגעשלאגען די ענגלישע ארבייטער צו ארבייטען 5 טעג אין וואך, אנשטאט 6, און אויף אזא אופן מאכען פלאץ אין די פעקטארים פאר די ארבייטסלאזע. די ארבייטער, לויט'ן באריכט, זאלען זיך האבען ענטזאגט פון דעם פארשלאג, ווייל ווען זיי ווערען מרוצה דערצו, וואלט עס געמיינט, אז דער ארבייטער קען לעבען פאר א פיעל קלענערען לוין, ווי ער קריגט איצט, און דער סוף וואלט געווען, אז אין א קורצער צייט ארום וואלטען די ארבייטער געמוזט ארבייטען גאנצע 6 טעג פאר דעמזעלבען לוין, ווי זיי האבען געקראגען פאר די פינף. און, אפשר, קען זיין, האבען זיי זיך ענטזאגט אנצונעהמען דעם פארשלאג, ווייל די ענגלישע ארבייטער מיינען, אז עס איז ניט זייער אויפגאבע ארויסצושלעפען פון זומפ דעם קאפיטאליסטישען וואגען דורך די אויפאפפערונג פון זייערען א טאג וויידזשעס. זאלען די, וועלכע האבען אריינגעטריבען דעם וואגען אין דעם זומפ, אליין איהם פרובירען ארויסשלעפען.

ווי דאס איז, צו די מאטיווען זיינען געווען גערעכטע אדער ניט, זיי האבען זיך ענטזאגט פון דעם פארשלאג פון לאיד דזשארדזש. איצט ווילען זיי, אז די רעגירונג זאל איינפיהרען געזעצליך די 44-שטונדיגע ארבייטס-וואך, די דראסטישע רעגולירונג פון איבערצייט-ארבייט, און, נאטירליך, מיט דיזעלבע וויידזשעס, וואס זיי האבען ביז איצט געקראגען פאר 48 שטונדען. דאס איז ניט קיין שלעכטע מיטעל, ווי געזאגט, אבער אונז דאכט זיך, אז דאס וואלטען זיי פיעל גיכער געקאנט אויספיהרען אליין מיט זייערע אייגענע קרעפטען, ווי מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

זייער פעסטער ענטשלוס ניט צו ארבייטען מעהר, ווי 44 שטונדען, ניט צו ארבייטען מעהר קיין אווער-טיים, וואלט גיכער געפיהרט צום געווינשטען ציעל, ווי אלע געזעצע, וועלכע דער פארלאמענט קען אננעהמען, און וועלכע זאלען דאן בלייבען א טויטער בוכשטאב, אויב די ארבייטער אליין זאלען זיי ניט וועלען אפהיטען.

און דער מיטעל קען דורכגעפיהרט ווערען ניט נאר אין ענגלאנד, נאר איבעראל, וואו עס איז דא א שטארקע און ציעלבאוואוסטע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט, וועלכע איז ענטשלאסען צו מאכען א סוף צו דער ארבייטסלאזיגקייט. דורך בלויז איין-טאגיגען סטרייק. איבער'ן גאנצען לאנד קען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט אויספיהרען די 44-שטונדיגע, יע, די 40-שטונדיגע ארבייטס-וואך. פארשטעהט זיך, אז דאס קען ניט אזוי לייכט דורכגעפיהרט ווערען אין איין אינדוסטריע, אין איין געוויסער פעקטארי, אבער אין אלע אינדוסטריען צוזאמען, און אונטערנומען מיט ענטשלאסענהייט פון דער גאנצער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט, קען דאס גאנץ לייכט דורכגעפיהרט ווערען, און די פראגע פון ארבייטסלאזיגקייט קען, אויב ניט אויף אימער, איז אבער וועניגסטענס פאר א ווייל, ווערען געלייזט.

דאס איז דער איינציגער ווירקזאמער מיטעל געגען די שרעקליכע ארבייטסלאזיגקייט. פריהער אדער שפעטער וועלען די ארבייטער מוזען אנווענדען דעם מיטעל. לאמיר האפען, אז זיי וועלען עס טאן וואס פריהער.

דער שאפ-טשערמאן אין דער קלאוק-פעקטארי.

פיעלע פרעגען און וואונדערען זיך: ווי קען איצט, אז די קלאוק-מאנופעקטשורער פון דער פראטעקטיוו אסס'ן האבען אפגעבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן, און עס קומען ניט פאר צווישען די מאנופעקטשורער און דער יוניאן קיינע אפיציעלע פארהאנדלונגען, טא ווי קען די יוניאן באשיצען די אינטערעסען פון איהרע מיטגלידער?

און אז די יוניאן באשיצט די אינטערעסען פון איהרע מיטגלידער, איז אין דעם ניטא דער מינדעסטער צווייפעל. טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע דאלארס זיינען פון די באסעס צוריקגעצאהלט געווארען צו די ארבייטער, וועלכע זיינען ניט דערצאהלט געווארען צוליב די אדער אנ'אנדער אורזאכע, און דאס איז געטאן געווארען דורך די יוניאן. הונדערטע און הונדערטע, ווען די קלאוקמאנופעקטשורער האבען געזעקט, און אהן א גוטען גרונד, זיינען צוריק אנגעשטעלט געווארען אויף דעם דרינגענדען פארלאנג פון דער יוניאן. און עס שטעלט זיך די פראגע, ווי אזוי ווערט עס אלעס געטאן, ווען דער באס כלומרשט האט ניט קיינע פארהאנדלונגען מיט דער יוניאן? וועלכע מאשינערי ווערט געברויכט פאר דעם? ווער איז דער פארמיטלער צווישען דעם באס און דער יוניאן, אז דער ביזנעס-איידזשענט פון דער יוניאן קאן ניט אריינקומען אין שאפ?

און דער תירוץ אויף די דאזיגע פראגע איז א גאנץ פשוטער. עס איז דער שאפ-טשערמאן, וועלכער האט אויף זיך גענומען די שווערע ראליע פון באשיצען די אינטערעסען פון דער יוניאן, און ער טוט עס מיט דער גאנצער געטרייִשאפט און אינטעליגענץ פון אן איבערגעבענעם ציעלבאוואוסטען יוניאן-מאן.

דער פראצעס איז א גאנץ איינפאכער. עס קומט אין דער יוניאן אן ארבייטער מיט א קלאגע, אז געגען איהם איז באגאנגען געווארען אן עולה: דער באס האט איהם באהאנדעלט גראב, דער באס האט איהם געזעקט אהן א גענוגענדער אורזאכע, שטעלט זיך באלד די יוניאן אין פארבינדונג מיט דעם טשערמאן פון דעם שאפ, און דער טוט שוין דאס נויטיגע. פאר אלע פראקטישע צוועקען פארקערפערט דער שאפ-טשערמאן אין זיין פערזאן די גאנצע אויטאריטעט און מאכט פון דער יוניאן. ער ווייס אויך ווי דאס צו רעמאנסטרירען, און אין די מייסטע פעלע ווייס דער מאנופעקטשורער, אז אויב ער וויל ניט האבען קיין טראבעל, מוז ער פארהאנדלען מיט דעם שאפ-טשערמאן און גוט מאכען דאס, וואס ער האט פארבראכען.

פארשטעהט זיך, אז דער שאפ-טשערמאן ווערט צוליב דעם ווייט ניט קיין באליבטע פערזענליכקייט אין די אויגען פון דעם מאנופעקטשורער; און גאנץ אפט מוז ער ליידען צוליעב דער ראליע, וואס ער האט גענומען אויף זיך. אבער, זאל עס דא געזאגט ווערען צום פולען קרעדיט פון אלע שאפ-טשערמען אין אונזערע קלאוק-שעפער, אז עס האט ניט פאסירט, אז צוליעב פערזענליכע באקוועמליכקייטען זאל א שאפ-טשערמאן פאר דער גאנצער צייט, וואס דער אגרימענט צווישען דער מאנופעקטשורערס אסס'ן און דעם דזשאינט באארד איז אפגעבראכען געווארען, זיך האבען אפגעזאגט פון צו טאן זיין פולע פליכט אלס גוטער און איבערגעבענער יוניאן-מאן.

עס איז ווירקליך א קוואל פון גרעסטען פארגניגען און שטאלץ פאר די גרויסע קלאוקמאכער יוניאן צו וויסען, אז זי האט אזעלכע מיטגלידער אין זייערע טויזענדע, וועלכע, צי באאמטע, צי ניט, אבער זיי קענען אימער-צו, ווען נאר נויטיג, זיך איינשטעלען מיט זייער גאנצער מאכט און פעהיגקייט פאר די אינטערעסען פון דער יוניאן. מיט אזעלכע מיטגלידער פיהלט זיך דער דזשאינט באארד זיכער אונטער אלערליי פערהעלטניסע, און די מאנופעקטשורערס, וועלכע געהערען צו דער פראטעקטיוו אסס'ן, מוזען איצט שוין אליין פארשטעהן, אז זייער גאנצע אגרימענט-ברעכעריי איז געווען ניט מעהר, ווי א חוזק. ווייל, צי זיי כלומרשט אנערקענען די יוניאן, אדער ניט, אבער פארהאנדלען מיט איהר מוזען זיי; צי זיי אנערקענען איהר אדער ניט, אבער איהר מאכט פיהלען זיי יעדע מינוט פון יעדען ארבייטסטאג.

לעבען זאל דער שאפ-טשערמאן, לעבען זאל דער געטרייער איבערגעבענער יוניאן-מאן. און דאן איז עס שוין פון א גאנץ קנאפער וויכטיגקייט צי עס איז יע אדער ניטא קיין אגרימענט. די אינטערעסען פון דעם ארבייטער ווערען שטרענג באשיצט.

דער דזשענעראל סטרייק פון די דרעס. און ווייסטס-מייקערס אין ניו יארק.

אין דעם לויף פון דער קומענדער וואך — דער טאג, די שטונדע ווען דער סיגנאל צום קאמף וועט געגעבען ווערען, קען צוליב געוויסע אורזאכען דא ניט אנגעגעבען ווערען — וועלען די דרעס מייקערס און ווייסט מייקערס אלע פארלאזען זייערע שעפער און ארוים אין סטרייק.

צוליב וואס ווערט דער דזשענעראל-סטרייק ארויסגערופען? דער פאקט איז, אז מיט דער דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן האט דער דזשאינט באארד פון דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע שוין געשלאסען אן אגרימענט, צו וועלכען די מאיאריטעט ארבייטער האבען געגעבען זייער פולע צושטימונג. פאר די ארבייטער פון דיזע מאנופעקטשורערס איז דאס נאר א פארמעלער סטרייק, א סטרייק פון עטליכע טעג. „אבער, אויב אזוי, טו פאר וואס דארפען זיי פארלאזען די שעפער?" קענען מאנכע פרעגען. און דער ענטפער איז פאלגענדער: דער סטרייק באצוועקט די פאלשטענדיגע ארגאניזירונג פון דער גאנצער דרעס און ווייסט אינדוסטריע. און כדי דער דזשאינט באארד זאל קענען אויספיהרען דעם דאזיגען קאמפיין אזוי גרינגליך, ווי מעגליך, מוז פאר א קורצער צייט די גאנצע דרעס און ווייסט אינדוסטריע אפגעשטעלט ווערען.

עס איז איבעריג, גלויבען מיר, צו פארלירען פיעל ווערטער וועגען דעם. דער דזשאינט באארד וואלט ניט געוואלט, אז קיין ארבייטער זאל [illegible]

קען מען איצט ערוואַרטען אַן אמת'ן קאַמפּ אויף די אייזענבאַהנען פון לאַנד

פון ה. לאַנג.

די אייזענבאהן יוניאנס זיינען ווידער אנגעגריפען. מר. אטטערבורי, דער וויים פרעזידענט פון דער פענסילווייניא רייל־ראוד האט ביי דעם פארהער פון דעם אינ־טערסטייט קאמערץ קאמיסיע אין שיקא־גא גאנץ אפען געזאגט.

„אדער די אייזענבאהן קאמפאניס מו־זען ברעכען די אגרימענטס, וואס זיי האַ־בען מיט זייערע ארבייטער, אדער זיי וועלען אריינגעווארפען ווערען אין באנק־ראט."

די יוניאנס, די 15 יוניאנס פון איי־זענבאהן ארבייטער — די גרויסע „בראַ־דערהודס" צווישען זיי אריינגערעכענט, האבען נאטירליך גלייך פראטעסטירט. זיי־ער פארטרעטער ביי דעם פארהער, ב. מ. דזשועל, דער פרעזידענט פון דעם רייל־ווייז דעפארטמענט פון דער אמעריקאן פע־דערישאן אף לייבאר, האט גלייך געענט־פערט:

„די קאמפאניס וועלען נוט זואגען".

און שפּעטער, זיך ווענדענדיג צו דער קאמיסיע, האט ער געלאסען באמערקט:

„ביי קיין קריזיס האלט עס נאך ניט און ביי באנקראטירען אודאי ניט. די רייד פון מר. אטטערבורי, וויים פרעזידענט פון דער פענסילווייניא ריילראוד, זיינען ניט מעהר ווי א סטראשונאק אין דער לופ־טען, כדי די אינטערסטייט קאמערץ קא־מיסיע זאל זיך ניט גריבלען צו פיעל אין די פינאנסען פון די אייזענבאהן קאמפא־ניס."

און נאר שפעטער, נאך דעם פארהער, האבען פארשטעהער פון א גאנצע גרופע יוניאנס געשיקט א טעלעגראמע צו פרע־זידענט ווילסאן, אז ער זאל זעהן, אז די אינטערסטייט קאמערץ קאמיסיע זאל יא אריינקוקען אין די פינאנסען פון די קאמ־פאניס.

און אוועק זיינען די ארבייטער פיהרער פון דעם אייזענבאהן פאר־הער אין כעס און צורייצט. און אין כעס און צורייצט איז אויך אוועק מר. אטטער־בורי. און מען [illegible] קאמף אויף די אייזענבאהנען פון לאנד. ווארים מר. אטטערבורי האט ביים פאר־הער ניט פארטראטען דוקא די פענסיל־ווייניא ריילראוד. ער האט פארטראטען די גאנצע „אמעריקאן אססאסיאיישאן פון ריילוויי עקזעקוטיוועס." און ווען ער האט גערעדט, דערצעהלען די צייטונגען, האט זיין שטענדיגער שמייכעל פון איהם זיך געהאט אפגעטאן און יעדען ווארט פון זיין סטראשונאק מיט א באנקראט האט ער ארויסגערעדט מיט איבערטראכטונג און נאכדענקען. און צו דעם נאך האט ער ערקלערט, אז קאנפערירען מיט זייערע ארבייטער ווילען די קאמפאניס ניט. זיי וועלען בלויז לאזען וויסען, אז די אגרי־מענטס פיגורירען מעהר ניט; אז זיי זיי־נען צו קיינעם גאר ניט פאראנטווארט־ליך אויסער צו זיך און זייערע אינטערע־סען און „די אינטערעסען פון פאבליק."

אלזא מוחל די פראזיאלאגיע פון א פארטרעטער פון אייזענבאהן קארפארי־שאנס. דאס איז ניט וויכטיג און אויך ניט אינטערעסאנט. וויכטיג איז נאר צי עס וועט זיך ווירקליך פונאנדער פלאקער־ען א קאמף ארום די אייזענבאהנען און צי עס וועט זיין אן אמת'ער קאמף.

דאס וואס די פארשטעהער פון די יו־ניאנס האבען זיך געווענדעט צו פרעזי־דענט ווילסאן איז געווים געווען מעהר אוים פארמאליטעט. די אייזענבאהן אר־בייטער פיהרער וויסען, אז ווילסאן קען זיי איצט ווייניג וואס העלפען. ער האט זיי מיט נאר ניט געהאלפען, ווען ער האט געקאנט, ווען ער האט נאך א לאנגע צייט געהאט צו זיין אין ווייסען הויז און ער וועט זיי איצט אודאי ניט העלפען. די ארבייטער פארשטעהער וויסען אויך, אז אפילו זעהן, אז די אינטערסטייט קא־מערץ קאמיסיע זאל באמת אריינקוקען אין די פינאנסען פון די קאמפאניס קען שוין אויך נים ווילסאן. פשוט, ער קלייבט זיך שוין ארוים פון ווייסען הויז, וואו ער האט אפשר קיינמאל ניט נעדארפט וואוינען. אלזא, זייער ווענדען זיך צו פרעזידענט ווילסאן איז פון די ארבייטער פיהרער געווען ניט מעהר ווי אן אויסגעשריי צום לאנד. אבער אויך אזוי איז דאס געווען א פוסטער אויסגעשריי, וואו דער קול איז באלד פארפלוגען געווארען. ווייל „דאס לאנד", וואו די ארבייטער פיהרער פון די אייזענבאהן יוניאנס האבען מיט זייער געשריי געצילט מיינט דער „פאבליק". דאס זאגענאנטע פובליקום, וועלכע וועט באלד זיין אין די הענד פון דער האר־דינג אדמיניסטראציע. ווענמען די אייזענ־באהן קאמפאניס האבען אין וואשינגטאן אריינגעפיהרט, כדי זייערע און נים קיין אנדערענס אינטערעסען צו באשיצען.

די פיהרער פון די אייזענבאהן יוניאנס טענה'ן פאר דער אינטערסטייט קאמערץ קאמיסיע, אז אויב אפילו מר. אטטערבו־רי איז גערעכט, דארף עס דער קאנגרעס נעהמען אין אנבאטראכט; דארף דער קאנ־גרעס שאפען נייע אייזענבאהן געזעצען. זיי קאנען דאך געוויס ניט מיינען דעם איצטיגען קאנגרעס. דער איצטיגער קאנ־גרעס האלט דאך שוין אויך ביים גוסס'ען. איז איצט די פראגע צי מען קאן עפעס ערווארטען פון דעם נייעם קאנגרעס, אוי־סער א צושטימונג צו אלעס, וואס די איי־זענבאהן קאמפאניס וועלען פארלאנגען?

עס ווילט זיך ניט גלויבען, אז די פיה־רער פון די אייזענבאהן יוניאנס זיינען נאאיוו צו דיינקען אנדערש. די פיהרער פון די אייזענבאהן יוניאנס זיינען קאנ־סערוואטיוו און מוזען דאס זיין. האבען זיי דאך צו טאן מיט דעם לעבענס־נערוו פון לאנד און פאלק און זיי מוזען ארום דעם ארומגעהן ווי דאקטוירים. אבער, אויב עס איז אמת, ווי זיי באהויפטען, אז ניט נאר רערט אין מר. אטטערבו־רי א צייטווייליגער אפעטיט נאך מעהר פראפיט, נאר א קאנספיראציע געגען די יוניאנס אין אלגעמיין, דאן פארוואס ניט א געשריי טאן דירעקט צו די ארבייטער אנשטאט צום „לאנד", וואס עס מיינט צו קיינעם ניט?

די גרופע אייזענבאהן יוניאנס האבען ביי פארשידענע געלעגענהייטען לעצטענס ארויסגעוויזען א וואונש צו טאט, צו אנ־גריף, צו זיין אגרעסיוו. זיי האבען אויך לעצטענס, סאי ביי ארבייטער קאנווענ־שאנס און סאי ביי אלגעמיינע ארויסטרע־טונגען געוויזען, אז אין זיי שטראמט „רויטע בלוט" און אז זיי זיינען ניט טויב און ניט בלינד צו דעם רוף און גא־לאפ פון דער צייט. דאס איז דיזעלבע גרופע יוניאנס, וועלכע יערע אפען טון „ארבייטער פארוואלטונג" איבער די אינ־דוסטריען. און דאס זיינען דיזעלבע יו־ניאנס, וועלכע שטרעבען א קירעווע צו טאן די אלגעמיינע ארבייטער באוועגונג פון אמעריקא אויף א מעהר ברייטען וועג. און ווירקליך, קוקט מען איבער די ליס־טע פון די פערזאנען, וועלכע זיינען גע־ווען ביי דעם פארהער, ווען מר. אטטער־בורי האט געמאכט זיין דעקלאראציע, זעהט מען, אז עס זיינען דארטען געווען די „רויטע" פון דער אמעריקאנער אר־בייטער באוועגונג — נאטירליך, „רויט" לויט דעם באגריף וועגען פארב, וואס מען האט אין די ארבייטער קרייזען פון דער אמת'ער אמעריקא...

אויסער דעם פריהער דערמאנטען דזשועל זיינען דארטען געווען פרענקלין, פון די באילער מאכער; נונאן, פון די עלעקטריק ארבייטער; אנדערסאן, דער וויים פרעזידענט צו דזשאהנסטאן פון די מאשיניסטען; און נאך — אלץ אזעלכע, וועלכע האבען געשטיצט פיטצפאטריקען און פאסטער'ן אין דעם גרויסען שטאל סטרייק און ביי דער פאר־א־יאהריגער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדעריי־שאן אוו לייבאר געשטיצט אונזער ב. שלע־זינגער'ס קאנדידאטור אלס דעלעגאט צום בריטישען טרייד יוניאן קאנגרעס, טראץ דעם וואס ער איז געלאפען אויף א „באל־שעוויסטישען" טיקעט.

פון זיי האט מען אלזא געמעגט ער־ווארטען א העפטיגערען ארויסטריט נאך דעם ווי עס איז געווארפען געווארען אין די אויגען א טשעלענדזש זיך צו פארמעס־טען אין כוחות.

און מען דארף נאך האבען אין זיי־נען, אז דא האט זיך געהאנדעלט ניט וועגען א טשעלענדזש גלאט אין דער לופ־טען, נאר א טשעלענדזש וואס קען היינט־מארגען אנריהרען די איינפאכע עקאנא־מישע אינטערעסען פון אלע זייערע טוי־זענדער מיטגלידער. און וואס מען זאל ניט זאגען וועגען אמעריקאנער יוניאן לייט — קומט עס צו מאטעריעלע אינ־טערעסען זיינען אלע מאל געווען אג־רעסיוו און „רעוואלוציאנער" אויב מען קאן דא [illegible] טערמין.

דאך איז דער איצטיגער ארויסטריט פון די פיהרער פון די אייזענבאהן יו־ניאנס ניט געווען קיין שארפער. אפילו ניט מיט קיין איבעריגענס שטעהנער און אוינג־פארכאפענדער זשעסטיקולאציע.

דערפאר איז די ווארנונג פון מאנכע צייטונגען, אז עס האלט ביי א שווערען קאמף ארום די אייזענבאהנען פון לאנד דיזען מאל ניט קיין אויפציטערנדע און די „טיימס" איז גערעכט ווען זי טרייסט איהרע קאמפאניס אז זיי דארפען זיך ניט שרעקען; עס וועט גארנישט זיין; אבי־סעל פייערווערק און „דהאטס אל"; און צו דעם נאך, פייער־ווערק אהן שימערי־רענדע פארבען און אהן א שטארקער קלא־פעריי אין דער לופט...

אבער, ווי זאגען קלאוקמאכער, ווער קאן וויסען, וואס אין אמעריקא קאן פאסי־רען? אפשר קאן נאך עפעס יא ארויס־שפרינגען? עפעס וואס וועט סאי די „טיימס" און סאי מר. אטטערבורי שטארק באאונרוהיגען!

ס'איז דאך אמעריקא, וואו אלעס קומט שנעל און אומגעריכט...

א חלום פון א פריהלינג־פאַרנאַכט

פון נפתלי גראַס

די לייכטע פרישקייט פון דעם פריהלינג־ווינט,
די פוילע ערד, וואס האט ערשט אויפגעגרינט,
די ווארעמקייט און פרישע ליכטיגקייט,
זיי האבען ביז דיין חורבה־שטוב פארוועהט.
שפאצירסט ארוים. ביסט דאך א לעבענלאנג
אין גארטען ניט געוועזן. און אויף דיין גאנג
קוקסטו צו יעדער זאך זיך צו,
און אלץ זעהט אויס, גלייך וואלסט עס שוין געזעהן אוואו,
כאטש אלץ איז יונג און ניי — אט ערשט פון פעלד
און בוים ארויסגעוואקסען אויף דער וועלט,
און וועהט מיט אזא פרישקייט איבעראל.
אזוי איז אויך דער זונען־אונטערגאנג
סוף זומער אין די בערג; דער וואסערפאל,
דער שנעלער שטראם, וואס קומט און געהט זיין גאנג
און בלייבט דערזעלבער אלץ... און דו אין מיט
שפאצירסט זיך לאנגזאם אום. און ווערסטו מיד
פון גאנג, זוכסטו א באנק אויף ערגעצוואו
און א געמיטליכער זעצסטו זיך צו;
שפרייטסט אוים די הענט פון ברעג צו ברעג
און לעגסט זיי אויף דעם אנלעהן פון דער באנק אוועק...
פארקוקסט זיך — דאך ווער ווייסט אויף וואס, אז וואס
דו זעהסט באקומט אן אנדער פארב און מאס...
די הייזער קעגען פארק — א קינדערשפיל
פון קעסטעלעך פון יעדער פארב און גרוים,
און דו — א קינד, א גאט — דו שפילסט דיין שפיל:
באפעהלסט — א בליק — ס'געשעהט: מען בויט דיר אוים
א טורעם — אויף דער וועלט איז ניט געוועזן
נאך אזא ווערק. מען קומט פון ווייט עס זעהן,
באוואונדערט מען און אלע ריהמען דיך
ס'א וואונדערווערק דו האסט באשאפען זיך.
געפעלט דיר אבער ניט. צי דארפסטו דען,
אז יעדערער זאל קומען ס'ווערק דיינס זעהן
און גרויסען דיך און לויבען דיך דערפאר,
און זינגען לויבלידער ווי צו א האר? —
באפעהלסט אויפסניי — א בליק — ס'געשעהט:
מען רייסט דעם טורעם איין, און אלץ פארוועהט,
ווערט ניט. און גארניט, גארניט איז צו זעהן,
גלייך ס'וואלט קיין טורעם קיינמאל ניט געוועזן;
נאר קעסטעלעך ווי פון א קינדערשפיל
צעווארפען דא און דארטען אהן א ציל...
נאר קעסטעלעך פון יעדער פארב און וואס
מיט געלע פענסטערלעך פון ריינעם גלאז,
מיט טירעלעך, וואס שלינגען מענשלעך איין
און שפייען זיי ארוים אין גאס אריין.
און דו — א קינד, א גאט — דו שפילסט דיין שפיל,
געפעלט דיר אבער ניט אזא מין שפיל...
וואס טויג דיר טאקע קעסטעלעך צו וואס,
מיט געלע פענסטערלעך פון ריינעם גלאז,
מיט טירעלעך, וואס שלינגען מענשלעך איין
און שפייען זיי צוריק אין גאס אריין?
צי וואלט דען גלייכער ניט געוועזן, עס זאל
בלויז בונטער גארטען זיין מיט בארג און טאל?
אז יעדער בארג זאל קוועלען קוואלען ריין,
דורך טאלען זאלען ברייטע טייכען געהן
באוואסערען די פעטע פלור און פעלד
און דאן פארפאלען ווערען אין דער וועלט?
און ברוים פארפול, און רויטער וויין אין קרוג
זאל זיין און זיין פאר אלעמען גענוג...
און דו — א קינד, א גאט — דו קוועלסט און קוועלסט,
און אלעס ווערט ווי דו באפעהלסט;
און אומעטום איז אלץ שוין, דאכט זיך, גוט,
שפאצירסט ארום, דאך זעה — נאר איין מינוט —
אז ערשט — די מאנעלעך און ווייבעלעך
אין בונטע קליידעלעך און הייבעלעך,
וואס וואוינען אין די טאלען אויף די בערג,
אט זיי געפעלט נאך ניט אזא מין ווערק...
צו אלדי יאהר! — דו ציה זיך ליבערשט אוים
אט אויף דער באנק, ווי לאנג דו ביסט און גרוים,
און אטעם מיט דעם אטעם פון דער וועלט —
ביסט דאך א לעבענסלאנג שוין ניט געוועזן אין פעלד...

יונייטעד דעזיינערס' יוניאן, לאַקאל 45, אויפמערקזאם.

א ספעשעל מיטינג וועט אפגעהאל־טען ווערען שבת, דעם 5טען פעברואר, 1 אוהר נאכמיטאג, אין גרענד אפערא הויז, 309 וועסט 23טען סטריט.

אויף דעם מיטינג וועלען באשפראכען ווערען פראגען פון דער גרעסטער וויכטיג־קייט פאר אונזער לאקאל.

די יעצטיגע לאגע אין אונזער אינ־דוסטריע וועט בעשפראכען ווערען פון דעם פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, ברודער ב. שלעזינגער, ווי אויך די ברי־דער זינמאן, י. פיינבערג, דזשענעראל מענעדזשער, און ל. לאנגער, סעקרעטער, פון דעם דזשאינט באארד.

ברידער, עס איז ווינשענסווערט אז דער מיטינג זאל זיין גוט באזוכט.

ביי ארדער
עקזעקוטיוו באארד לאקאל 45, א. ק. ג. וו. י.

די דעבאטע וועגען האנדעל מיט רוסלאנד אין אמעריקאנער סענאט

פון א. זעלדין.

עס איז אפשר ניט מעהר ווי א צופאל, אבער דאך איז עס מערקענסווערט, אז גראדע אין דעם טאג וואס לודוויג מארטענס, דער אומאנערקענטער פארשטעהער פון דער רוסישער סאוועטען רעגירונג אין אמעריקא, איז דעפארטירט געווארען פון דאנען, איז פארגעקומען א גרויסע דעבאטע וועגען דער פראגע פון האנדעלס־באציהונגען מיט רוסלאנד אין דעם אמעריקאנעם סענאט. אין דער דעבאטע זיינען דורכגעלופטערט געווארען ניט בלויז די פראגע וועגען האנדעל מיט רוסלאנד, נאר אין אלגעמיין די אינערליכע און אויסערליכע פאליטיק פון דער ווילסאן אדמיניסטראציע, וואס זיינען ענג פארבונדען מיט דער רוסישער פראגע. פון די באריכטען וואס זיינען געווען אפגעדרוקט אין די טעגליכע צייטונגען וועגען דער דעבאטע, האט מען געקאנט ארויסטראגען דעם איינדרוק, אז די געגנער פון האנדעלס באציהונגען מיט רוסלאנד האבען געהאט די איבערהאנט. דער פולער באריכט פון דער דעבאטע, ווי ער איז אפגעדרוקט אין „קאנגרעשאנאל רעקארד" פון דעם 22טען יאנואר, מאכט א פארקעהרטען איינדרוק. די אנהענגער פון האנדעל מיט רוסלאנד, אבוואהל זיי זיינען געווען וועניגער אין צאהל, האבען אבער געהאט די שטארקערע ארגומענטען אויף זייער זייט. דאס מערקווירדיגסטע דערביי איז וואס די אנהענגער פון האנדעל מיט רוסלאנד האבען זייער שטאנדפונקט פארטיידיגט אויס ריין נאציאנאל־אמעריקאנער מאטיווען, מיט א בליק אויף דער קאמערציעלער ווי אויך דער פאליטישער צוקונפט פון די פאראייניגטע שטאאטען, ווערענד די געגנער האבען געהאט בלויז איין איינציגען ארגומענט — די ג ע פ א ה ר פאר די אמעריקאנער פאליטישע אינסטיטוציעס וואס לויערט אין אזעלכע האנדעלס באציהונגען. און לסוף האט דער הויפט דעבאטאנט פון געגנערישען צד געמוזט צוגעבען, אז די געפאהר איז אייגענטליך גאר קיין געפאהר ניט.

די הויפט דעבאטאנטען זיינען געווען: דער קאנסערוואטיווער סענאטאר פון יוטא, סענאטאר קינג, און דער ליבעראלער סענאטאר פון מערילאנד, סענאטאר פרענס, וועלכער איז לעצטענס געווארען דער אנפיהרער פון דער באוועגונג פאר דער באנייאונג פון האנדעל מיט רוסלאנד. פארענדיגט דעם ווערטער־דועל האט סענאטאר באראה פון איידאהא, וואס האט זיך אויסגעשפראכען נאך א סך שארפער פון סענאטאר פרענס. עס וואלט, נאטירליך, פארנומען צופיל פלאץ איבערצוגעבען די גאנצע דעבאטע ווערטערליך און מיר וועלען זיך באנוגענען איבערגעבענדיג די הויפט ארגומענטען פון ביידע צדדים.

עס איז איבריג צו זאגען, אז ניט סענאטאר פרענס און אויך ניט סענאטאר באראה סימפאטיזירען מיט דער רוסישער סאוועטען רעגירונג אדער מיט'ן קאמוניזם. די פראגע וועגען דער גוטסקייט אדער שלעכטקייט פון דער סאוועטען רעגירונג לאזען זיי איבער דורכאויס צום רוסישען פאלק צו ענטשיידען. וואס אנבאלאנגט אבער דער פראגע פון האנדעלס באציהונגען מיט רוסלאנד, טרעטען זיי צו איהר צו פון דעם ריין אמעריקאנעם שטאנדפונקט.

קודם כל נעמט אן סענאטאר פרענס אז א באנייאונג פון האנדעלס באציהונגען מיט רוסלאנד איז נויטיג פאר דער ווייטערער פראספעריטי פון אמעריקא. די גאנצע דעבאטע האט זיך אייגענטליך אנגעהויבען דערפון וואס ער האט ערקלעהרט, אז עס איז פונקט אזוי נויטיג פאר דער פראספעריטי פון אמעריקא צו באנייען דעם האנדעל מיט רוסלאנד, ווי מיט די צענטראל אייראפעאישע לענדער.

ער קען ניט פארשטעהן, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג קען בלייבען רוהיג צו די פערספעקטיווען פון רוסישען האנדעל אין דער צייט, וואס די ענגלישע רעגירונג מאכט אלערליי הכנות צו מאנאפאליזירען דעם זעהר ווערטפולען רוסישען מארק. דאס האט איהם געפיהרט צו דער באשולדיגונג, אז די אויסלענדישע פאליטיק פון דער אמעריקאנער רעגירונג, וועניגסטענס אויף אזוי פיל, וויפיל עס אנבאלאנגט רוסלאנד, ווערט באאיינפלוסט פון ענגלאנד. לויט זיינע רייד קומט אויס, אז ענגלאנד פיהרט אן אבזיכטליך די אנטי־סאוועטען פראפאגאנדע דא אין אמעריקא כדי זי זאל צייט האבען אויסבויען די מאנאפאל פון רוסישען האנדעל. אט זיינען זיינע ווערטער:

„גרויס בריטאניען וויל דעם רוסישען מארק און גרויס בריטאניען לאזט קיין שטיין ניט איבערגעקעהרט צו קריגען דעם רוסישען מארק און זי פארמולירט א פאליסי דא, דארט און איבעראל, וואס זאלען איהר העלפען צו באזייטיגען אנדערע פעלקער פון דעם מארק, און מיר זיינען, דורך דער פאליסי פון אונזער רעגירונג, אויסגעשלאסען פון דעם מארק".

סענאטאר מאזעס: „מיינט דער סענאטאר פון מערילאנד צו באהויפטען, אז די בריטישע רעגירונג פארמולירט די פאליטיק פון די פאראייניגטע שטאאטען?"

סענאטאר פרענס: „יעס; איך וויל באהויפטען, אז די ענגלישע רעגירונג איבט אויס זעהר א גרויסען איינפלוס".

סענאטאר מאזעס: „אויף דער רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען?"

סענאטאר פרענס: „אויף דער פאליטיק פון אונזער רעגירונג, ווי זי איז דורכגעפיהרט געווארען די לעצטעפאר יאהר, הויפטזעכליך זינט דעם וואפענשטילשטאנד".

די פאליטיק פון אונזער רעגירונג, האט סענאטאר פרענס ערקלעהרט אביסעל שפעטער, איז ניט געווען אין די אינטערעסען פון די אמעריקאנער באוועלפלאנטאטארס, שטאל־ארבייטער און שוך־פאבריקאנטען, נאר די פאליטיק האט געהאלפען צו ענטוויקלען דעם האנדעל פון אנדערע פעלקער. „אין דער צייט וואס די ענגלישע צייטונגען האבען אנגעפיהרט ריזעלבע פראפאגאנדע, וואס אונזערע צייטונגען האבען קאפירט, האבען די ענגלישע סוחרים אין דער שטיל אויסגעארבייט די מיטלען צו ענטוויקלען האנדעל מיט רוסלאנד. אין אנדערע ווערטער, די ענגלישע צייטונגען האבען געדרוקט נייעס וועגען די שרעקליכקייטען פון באלשעוויזם פאר אונזערע צייטונגען צו קאפירען אין דער צייט וואס די ענגלישע סוחרים זיינען געזעסען מיט מר. קראסין און די פינאנציעלע פארשטעהער פון דער רוסישער רעגירונג און האבען אויסגעארבייט אויספיהרליכע פלענער, ווי אזוי ענגלישע סחורה זאל קענען געשיקט ווערען נאך רוסלאנד און רוסישע סחורה נאך ענגלאנד".

פון דעם פאליטישען שטאנדפונקט האט סענאטאר פרענס פארטיידיגט האנדעל מיט רוסלאנד אויף דעם גרונט וואס אמעריקא שטעהט פאר אין די קומענדע עטליכע יאהר די געפאהר פון א מלחמה מיט יאפאן, מיט וועלכער אנדערע אייראפאישע מעכטע וועלען זיין פארבונדען, אויב זי וועט איצט ניט אויסארבייטען א קלוגע פאליטיק. דער איינציגער וועג ווי צו פארמיידען די געפאהר, האט ער געזאגט, איז צו פארמירען ענגערע און מעהר פריינדליכע באציהונגען מיט רוסלאנד און כינא, וועלכע זיינען אנטי־יאפאניש אין זייער דענקען און אין אלע זייערע אינטערעסען.

די גרעסטע שטערונג צו האנדעל מיט רוסלאנד, האט ער ערקלעהרט, ליגט אין דעם באשלוס פון דער אמעריקאנער מינט ניט צו שמעלצען דאס רוסישע גאלד וואס איז אהער געבראכט געווארען. ער האט אנגעוויזען, אז די אמעריקאנער מינט האט קיינמאל ניט נאכגעקוקט דאס אייגענטום רעכט פון גאלד וואס ווערט צו איהר געבראכט און מיט'ן רוסישען גאלד דארף זי אויך ניט מאכען קיין אויסנאהם. אויב מען זאל אנהויבען נאכזוכען דאס אייגענטום רעכט פון יעדען ארטיקעל וואס ווערט געבראכט אויפ'ן מארק, וואלט האנדעל געווען אוממעגליך.

די הויפט טענה פון סענאטאר קינג איז געווען, אז די רוסישע רעגירונג זוכט ניט קיין האנדעל, נאר זי זוכט אנצופיהרען פראפאגאנדע. אזוי שנעל ווי איהרע האנדעלס אגענטען ווערען אריינגעלאזט אין א לאנד, הויבען זיי אן פיהרען פראפאגאנדע מיט'ן צוועק צו שטירצען די עקזיסטירענדע רעגירונגען. ער האט באהויפטעט, אז די רוסישע נאכבאר־לענדער האבען פרובירט אנצוקניפען האנדעלס באציהונגען, אבער זיי האבען דאס געמו…
אפברעכען טאקע צוליב אט דער פראפא…
גאנדע.

צווייטענס, האט ער ערקלעהרט, הא…
רוסלאנד זעהר וועניג וואס ארויסצופיה…
רען אין אויסטויש פאר די ארטיקלען וו…
מען קען אהין אריינפיהרען.

אויף דער לעצטער טענה האט סענא…
טאר מעקקארמיק געענטפערט מיט א פרא…
גע:

„זיינען דא וועניג אנדערע לענדער א…
אייראפא, וואס האבען גארנישט צו געב…
אין אויסטויש פאר די ארטיקלען נוי…
מען האט זיי געשיקט?"

וואס אנבאלאנגט סענאטאר קינג'…
ערשטע טענה, האט איהם סענאטא…
פרענס געפרעגט, אויב ער דענקט אז ד…
אמעריקאנער רעגירונג איז וועניגע…
שטאנדהאפט פון דער ענגלישער און אוי…
ער דענקט ניט אזוי, פארוואס האט לאי…
דזשארדזש זיך געקענט ערלויבען צו פאר…
האנדלען מיט קראסין'ען, ווערענד אונ…
זער לייבאר דעפארטמענט שיקט ארוי…
מארטענס'ען.

צו דער ענד פון דער דעבאטע הא…
סענאטאר באראה אויך באריהרט די פרא…
גע וועגען פראפאגאנדא מיט דער פאל…
געגדער באמערקונג:

סענאטאר באראה: „איך דענק א…
קיין איינציגער וואס איז פארבונדען מי…
דער רעגירונג, אריינגערעכענט אפילו מי…
פריינט, דער סענאטאר פון יוטאה (קינג…
זאל גלויבען, אז אונזער רעגירונג זא…
געשטירצט ווערען דורך פראפאגאנדא פו…
רוסלאנד".

סענאטאר קינג: „איך בין מסכים
אז אזא פראפאגאנדא וועט קיינמאל ני…
פארניכטען אונזער רעגירונג".

סענאטאר באראה: „איבערהויפט אי…
דאס ניט וואס עס ליגט אויפ'ן גרונט פו…
דער ענטזאגונג צו האנדלען מיט רוס…
לאנד. די סאוועט רעגירונג איז אפש…
זעהר א שלעכטע רעגירונג און איך גלויב…
אז זי איז דאס. אבער זי איז א סך
בעסער פון אירגענד וועלכער רעגירונ…
וואס רוסלאנד האט ווען עס איז געהא…
און סוף כל סוף, דענק איך, וועט זי זיי…
דער פונדאמענט, אויף וועלכען א קלאר…
פרייע רעגירונג וועט מעגליך געגרינדעט
ווערען. מיר האבען זיך ניט ענטזאגט צ…
האנדלען מיט'ן צאר, אדער מיט דער צא…
רישער רעגירונג, אבער דאך איז קיינמא…
ניט געווען א רעגירונג, וואס זאל זיין אזו…
אומפריינדליך און פיינדליך צו דער ט…
אריע פון אונזער רעגירונג, ווי דעם צאר'…
רעגירונג איז געווען. מיר האבען זיך ני…
ענטזאגט צו נעהמען זיין גאלד, ווייל קיי…
נער האט ניט געוואוסט, ווי אזוי ער האט
עס געקראגען, און דאך זיינען די מעטא…
דען וואס די צארישע רעגירונג האט נאכ…
געפאלגט אין דעם משך פון דריי הונ…
דערט יאהר געווען אוממערטעגליך או…
אומבארעכטיגט פון יעדען שטאנדפונק…
פון די פריינד פון דער אמעריקאנער רע…
גירונג".

די דעבאטע, פונקט ווי אלע אנדער…
דעבאטען, האט זיך געענדיגט, פאר…
שטעהט זיך מיט גארנישט. דאך קען ז…
אבער דינען אלס א וועטער־האהן צו ווי…
זען אין וועלכער ריכטונג דער ווינד האט
אנגעהויבען צו בלאזען.

א קאך־בוך פאר ארבייטסלאזע

(פעליעטאן).

פון דר. ק. לעא.

מיר לעבען היינט אין דער גליקליכער צייט פון אלגעמיינער ארבייטסלאזיגקייט. א דאנק דעם אומשטאנד וואס די קאפיטאליסטען ווילען פאר קליינע פראפיטען ניט מאנופעקטשורען קיין סחורה (ווייל זיי זיינען שוין אזוי צוגעוועהנט צו גרויסע פראפיטען אז דיזע געוואוינהייט איז ביי זיי געווארען א צווייטע נאטור) דארפען די ארבייטער ניט פינסטערען אין די שעפער, קענען זיך ארומגעהן אויף דער פרישער לופט, זיך אויסרוהען די ביינער אויף די בענק פון העמער פארק, לעזען צייטונגען, דעבאטירען וועגען טראצקי'ן אדער קוקען ווי פייגעלאך פליהען — בקיצור: ס'איז א גליקליכע צייט, און מיר וואלטען געקענט זיין צופרידען מיט גאט'ס וועלטעל.

אין אבער ניט פאראן קיין פאלקאם גליק אויף דער וועלט. אפילו אזא גליקליכע צייט ווי די צייט פון ארבייטסלאזיגקייט האט אויך, ווי מען זאגט, איהר שאטען־זייט, איהר חסרון. דער חסרון איז, וואס אן ארבייטס־לאזער קען ניט לעבען פון דער זיסער רוהע און דער פרישער לופט וואס ער געניסט, נאר ער מוז אויך ע ס ע ן.

ווען גאט וואלט צוזאמען מיט דער ברכה פון ארבייטסלאזיגקייט אויף אראפגעשיקט צו זיינע קינדער די ברכה פון עסענלאזיגקייט, וואלט ער געווען א גרעטער גאט, א מיערער גאט, אין וועלכען אפילו אן ארבייטסלאזער ארבייטער וואלט געגלויבט.

צום אומגליק אבער איז גאט ברוך הוא דער גאט פון די קאפיטאליסטען. ער האט באשאפען א צייט ווען באסעס קענען לעבען אהן ארבייטער. ער האט אבער פארגעסען צו באשאפען א צייט ווען ארבייטער קענען לעבען אהן באסעס, דאס הייסט אהן פעידע, דאס הייסט אהן עסען.

אן ארבייטסלאזער מוז, ווי געזאגט, עסען. דאס איז ניט קיין פוסטע טעאריע, נאר א פאקט. קיינער איז ניט הבל. פרעגט אני ארבייטסלאזען וועט ער אייך זאגען, אז ווי פיעל ער זאל ניט פרובירען לעבען אהן עסען, קאן ער עס ניט אויספיהרען. ער קען העכסטענס גנב'ענען ביי זיין מאגען א פאר מאהלצייטען א מעת־לעת — אבער אין גאנצען אויסקומען אהן עסען, נעהט ניט.

וואס אבער זאל אן ארבייטסלאזער עסען? יונגע טייבעלאך געפרעגעלט אין פוטער האט גאט, ווי געזאגט, באשאפען פאר זיינע קאפיטאליסטען. דאס זעלבע איז מיט לאבסטערס, מיט פארמערהויז סטייק, מיט אינדיק און קריינבערי סאס, מיט משיקען־פריקאסע א־לא טשאמפיניאן און אזוי ווייטער. בלייבט אפען די פראגע: וואס־זשע פארט זאל אן ארבייטסלאזער עסען?

לאנג האבען מיר נאכגעקלערט איבער דיזער פראבלעמע, און יגעתי ומצאתי — מיר האבען געפונען אן ענטפער. עס איז אונז געלונגען צוזאמענצושטעלען א קאך־ביכעל מיט שפייז־רעצעפטען ספעציעל פאר סטרייקער, פיקעטער, לאקאוטיקעס אדער סתם ארבייטסלאזע. אט האט איהר עטליכע סעמפעלס:

זים און זויערס.

נעהם די זיסע רייד, וואס דיין באס רעדט צו דיר אין א צייט פון גרויס ביזי, ווען ער וויל פון דיר ארויסקריגען וואס מעהר ארבייט, און מיש עס צונויף מיט דער זויערער מינע, וואס ער מאכט ווען דער סיזאן איז שוואך, וועסטו האבען זיס און זויערס.

געפרייטע העם.

נעהם א פעטען באס, וואס מסור'ט דיך, אז דו ביזט א באלשעוויק, און ברען איהם און בראט איהם אויפ'ן פייער פון דיין קאמף־לוסט און סטרייק־באגייסטערונג, וועסטו האבען געפרייטע העם.

געהאקטע פלייש.

פאק א גאנגסטער, וואס שלאגט דיינע פיקעטס און האק איהם אונטער די ציינער, אבער טאקע גוט, ווי ער פארדינט — און דו וועסט האבען געהאקטע פלייש.

געפילטע קישקע.

נעהם עני סקעב און ווען איהם ארויס די קישקעס — האסטו געפילטע קישקע.

העם־סענדוויטש.

נעהם דעם לאיער פון דער באסעס אסאסיאיישאן און לעג איהם אריין צווישען צוויי שטיקלעך דארע ברויט, וואס איז דיר נאך געבליבען פון דער „גוטער צייט", וועסטו האבען א העם־סענדוויטש.

זופ פון ראקעס.

נעהם די רעאקציאנערען, וואס געהען שטענדיג אויף צודים, און קאך זיי אפ אין די קראקאדיל־טרעהרען, וואס די קאפיטאליסטישע פרעסע פארגיסט אויפ'ן ארבייטער־קריזיס, וועסטו האבען זופ פון ראקעס.

אונגארישער גולאש.

נעהם א לידיגען מאגען פון א קיך פון אן ארבייטסלאזען און וואף אין איה…
אריין דעם אגרימענט מיט דער באסע…
אסס'ן, די „פראטעקשאן" וואס דו קריגס…
פון דער פאליציי, די צייטונגס־אפיעל…
פון די מאנופעקטשורערס, די הבטחות פ…
דער ריזורוו־בענק אויף בעסערע צייטע…
די אמאליגע „פראספעריטי", און אל…
דיינע פאון שאפ טיקעטס, — וועסט…
האבען דעם אמת'ן אונגארישען גולאש.

פויגעל מילך.

אפילו אזא זעלטענעם מאכל, ווי פוי…
געל מילך קען אן ארבייטסלאזער האבען
נעהם די פויגעלעך, וואס די באסעס לעגע…
זיך אין בוזים און קאך זיי אין דער מילך
פון דעם הערינג, וואס דו עסט אלס דינער,
האסטו פויגעל מילך.

דאס זיינען בלויז עטליכע סעמפעל…
פון מיין העכסט אריגינעלען קאך־בוך פא…
ארבייטסלאזע. דאס דאזיגע ביכעל פאר…
מאגט אויך שפייז־רעצעפטען פאר לאק…
אוט באסעס, סקעבס, גענגסטערס, פאליס…
לייט און עהנליכע ברואים. א פאר ביי…
שפילען:

א שפייז פאר א לאקאוט־באס.

זאל ער אויפעסען אלע פארשפרעכו…
גען, וואס ער האט געמאכט צו דער יוניא…
אז ער וועט זיין גוט און פרום און היטע…
דעם אגרימענט, און דערנאך זאל ער פאר…
בייסען מיט די בלבולים, וואס ער מאכט
אויף זיינע ארבייטער; אויב ער ווער…
זיך מיט דעם מאכל פאר'סמ'ען, וועט ע…
ניט זיין קיינעמ'ס שולד.

א מאכל פאר סקעבס.

נעהם די מייז, וואס לויפען ארום אי…
פוסטען שאפ, פיל זיי אן מיט עטליכ…
פעקלעך נאדלען און פרעגעל זיי אין ד…
אויל מיט וואס מען שמירט די מאשינע…
און פרעס, און דער הנאה פון דער וועל…
זאל זיין נקמת מער הייטע.

ווי צו זיין געזונד

פון דר. ב. דובאווסקי

אן אינטערעסאנטע פראגע פון א לעזער. לויגט זיך צו לערנען „קייראפראק־טיס". וואס פאר א לעהרע דאס איז. די פראקטישקייט דערפון. — ווארום קליסטירען פאראורזאכען פארשטאפונג.

דורך דעם אפים פון די „גערעכטיג־קייט" האבען מיר ערהאלטען א זעהר אינ־טערעסאנטען בריעף פון א מעמבער פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכער שרייבט זיך אונטער: ה. שעפריס. מר. שעפריס האט אויך בייגעלעגט א געסטעמפטען און אדרעסירטען ענוועלאפ פאר א פריוואטען ענטפער. די פראגע וואס ער פרעגט איז אבער פון אן אלגעמיינע וויכטיגקייט, און מיר האבען באשלאסען צו ענטפערען אויף איהר אין די „גערעכטיגקייט."

די פראגע לויטעט: „איך בין א יונ־גער מאן און בין פאראינטערעסירט אין קייראפראקטיק. אבער אזוי ווי איך ווייס זעהר ווייניג וועגען דעם און אזוי ווי איך וואלט געוואלט וויסען אויב קייראפראק־טיס איז געבויעט אויף אן אמת'ן און פעסטען פונדאמענט, בעט איך אייך איהר זאלט מיר ערקלערען דעם אמת וועגען קיי־ראפראקטיס."

„קייראפראקטיס" איז א סיסטעם פון היילען קראנקהייטען דורך פאריכטען אונ־רעגעלמעסיגקייטען אין די רוקען ביינער.

די טעאריע פון קייראפראקטיס איז פאלגענדע: דער גאנצער קערפער איז באזארגט מיט נערוועץ. אלע נערוועץ צי־העז זיך פון מארך אדער צום מארך דורך דעם רוקען מארך, וואס ליגט אין א ספע־ציעלען קאנאל וואס ציהט זיך דורך די רוקען ביינער. צווישען יעדע פאר רוקען ביינער שיידען זיך אפ אייניגע נערוועז פונ'ם רוקען מארך און פארשפרייטען זיך צו א געוויסען טייל פון קערפער. אויב די רוקען ביינער זיינען עטוואס אויסגעוויכ־נעט „דריקען" זיי אויף די נערוועז וואס ציהען זיך צווישען זיי און דאס פאראור־זאכט א געוויסע קראנקהייט אין די טייל פון קערפער צו וועלכע דיזע נערוועז צי־הען זיך.

לויט דעם באגריף פון קייראפראקטיס זיינען גאר ניטא קיינע באזונדערע אדער פארשידענע קראנקהייטען און אויך זיי־נען ניטא קיינע פארשידענע אורזאכען פון קראנקהייטען. מיקראבען זיינען אן איינרייד'עניש, און יערענפאלס זיינען זיי ניט די אורזאכע פון קראנקהייטען. אנ־שטעקענדע קראנקהייטען עקזיסטירען ניט און עפידעמיעס זיינען בלויז איינגערעד־טע זאכען. אלע, אלע קראנקהייטען ווע־רען פאראורזאכט דערפון וואס די ביי־נער וואס שטעלען צונויף דעם רוקען ביין זיצען ניט פינקטליך איינע אויף די אנ־דערע, און געוויסע טיילען פון רוקען ביין זיינען די איינצעלנע ביינער אויסגעוויכ־נעט און דאס פאראורזאכט די קראנק־הייט.

אויב איהר האט אפענדיסיטיס, אדער א בעלמע אויף אן אויג, א קאלד אדער קאנסער אין מאגען, טובערקולאזיס אדער אן ענטציגדונגען אויער פון וועלכען עס רינט מאטעריא נארט איהר זיך אפ אויב איהר דענקט אז דאס זיינען פארשידענע קראנקהייטען. דאס זיינען בלויז פארשי־דענע פארמען פון איין און דערזעלבער אונארדנונג אין קערפער און עס קומט דערפון וואס אייערע רוקען ביינער זיינען ניט גלייך.

די באהאנדלונג פון יעדע סארט קראנק־הייט איז דארום דיזעלבע: פארריכטען די אונארדנונג אין די רוקען ביינער, דורך מאסאזשירען קנעטען, דריקען און ארייג־שטופען די ביינער אויף זייער ריכטיגען פלאץ.

אויב איהר ליידעט פון לונגען ענט־צינדונג אדער פון טייפויד פיבער פון טאנסיליטיס אדער פון א וואונד אין מא־גען, פון דיפטעריא אדער פון הידרא־פאביא (ווען מען ווערט געביסען פון א משוגענעם הונט) דארפט איהר בלויז לא־זען מאסאזשירען אייער רוקען. א קיי־ראפראקטאר גלויבט ניט אין דער מעגליכ־קייט דאס מיקראבען זאלען פאראורזאכען קראנקהייט. קיין קייראפראקטאר וועט נאטירליך ניט וועלען ארונטערשלינגען טייפויד מיקראבען, אדער זיך לאזען אנ־שטעקען מיט די מיקראבען פון סיפיליס אדער גאנאריהע, אדער אן אנדער אנ־שטעקענדע קראנקהייט. אבער די לעהר־ער פון קייראפראקטיס לייקענען דאס מי־קראבען קענען פאראורזאכען קראנקהיי־טען און דאס מען קען זיך אננעמען אנ־שטעקענדע קראנקהייטען פון איינעם וואס ליידעט שוין פון איהר. עס זיינען נאר איבערהויפט ניטא קיין קראנקהייטען אויף דער וועלט. אלעס פון וואס א מענש קען ליידען, פון א הינגער אויג ביז אן ענטצינדונג אין מארך ווערט פאראורזאכט פון דעם וואס די ביינער פון רוקען מארך זיצען ניט ריכטיג איינע אויף די אנדערע, און אלע קראנקהייטען קענען קורירט ווע־רען דורך מאניפולירען די רוקען ביינער.

אויב דאס איז ניט איינע פון די גרעס־טע אידיאטסטוואס וואס האט ווען עס איז באשווינדעלט די ארעמע קראנקע וואס זוכען הילף געזונט צו ווערען, האבען מיר פון א גרעסערע נארעריי יעדענפאלס ניט געהערט.

די איינציגע וואס קאן זיך פארגליי־כען מיט דיזער „קוראציע" איז די קריס־טשען סייענס לעהרע, דאס אלע פיזישע פונקט ווי די גייסטיגע קראנקהייטען, זיי־נען א פראדוקט פון דער זינדיגער פאנטא־זיע. און אלעס וואס מען דארף טאן אום געזונד צו ווערען פון אירגענד וועלכע קראנקהייט איז צו גלויבען אין גאט און אין מרס. עדי בעיקער, די פראפעטין און זיך איינרעדען דאס מען איז ניט קראנק. פאר דיפטעריא, לונגען ענטצינדונג און אנדערע ערנסטע פיזישע קראנקהיי־טען האבען די קריסטשען סייענס רופאים בלויז פסוקים פון מרס. עדי'ס בוך, איהר ביכעל. די מיקראבען פון דיזע קראנקהיי־טען פארשטעהען אבער ניט מרס. עדי'ס פסוקים, און זיי טוען זייער ארבייט און טויטען זייערע קרבנות טראץ אלע פסוקים וואס דיזע רופאים לעזען פאר ביים בעט פון קראנקען.

און ווען מען נעמט אין אנבאטראכט דאס אזוי פיעל אינטעליגענטע, געביל־דעטע מענשען זיינען אנהייננגער פון קריס־טשען סייענס, איז דען א וואונדער וואס אויך די קייראפראקטירער מאכען א פי־נאנציעלען ערפאלג און קריגען גענוג פא־ציענטען?

מיט קיין זאך איז דער מענש אזוי לייכטזיניג ווי מיט זיין געזונד, און דאס איז די אורזאכע ווארום אזוי פיעל מענ־שען טרויען אן זייער געזונד צו די פאר־שידענע קרענקס וואס נעהמען זיך אן צו קורירען קראנקהייטען.

א קייראפראקטאר איז דארום א „דאק־טאר", אבער דיזע דאקטאריע איז ווי עס שיינט זעהר לייכט זיך אויסצולערנען, ווייל מאנכע „קאלעדזשעס" נעמען זיך אונטער אייך אויסצולערנען דורך קארעס־פאנדענס די גאנצע חכמה פון קייראפראק־טיס אין א זעהר קורצע צייט. אין געווי־סע סטייטס (ניו יארק אויסגעשלאסען), האבען קייראפראקטארס א רעכט פראנק און פריי צו פראקטיצירען און קורירען אלע קראנקהייטען דורך מאניפולירען דעם רוקען פון קראנקען.

אויב איהר ווילט דארום ווערען א „דאקטאר" גאנץ שנעל און מאכען א לע־בען פון קראנקע נארען, וואס וועלען אייך ענטרויען זייער געזונד, מעגט איהר ווערען א קריסטשען סייענטיסט, א קייראפראק־טאר א נאטוראפאט, אדער איהר קענט א. ז. וו. אויך ענטוויקלען אייער אייגענע סיסטעם פון היילען קראנקהייטען דורך האלטען די רעכטע האנד ביים לינקען אויער, אדער טראגען די שבת'דיגע שיך אין דערוואכען, אדער דריי מאל א וואך אנטאן דעם לינקען זאק אויפ'ן רעכטען פוס. איהר מעגט זיכער זיין, אז דאס וועט זיין פונקט אזא רפואה צו אלערליי קראנקהייטען ווי קייראפראקטיס, און די עהנליכע סקימס פון זעלבען סארט.

ד ו ד ס א פ ק י ן, מעמבער לאקאל 100, שיקאגא. — דער שאדען פון צו אפ־טע קליסטירען איז דאס די עמפפינדליכע מוסקולען וואס געפינען זיך ביי די ענגע פון די קישקעס ווערען צוצויגען און פאר־לירען א טייל פון זייער עמפפינדליכקייט. געוועהנליך „דערפיהלען" דיזע מוסקולען אזוי שנעל ווי עס זאמעלט זיך אן א גע־וויסע מאס אין דער לעצטער טייל פון די קישקעס. דיזע מוסקולען ווערען גע־רייצט און מיר דערפיהלען דאן א פאר־לאנג פטור צו ווערען פון די אנגעזאמעל־טע אבפאל מאטעריאלען. אבער ווען די דערמאנטע מוסקולען פארלירען א טייל פון זייער רייצבארקייט „פיהלען" מיר ניט דעם פארלאנג פטור צו ווערען פון די אנ־געזאמעלטע מאטעריאלען און דער רעזול־טאט איז פארשטאפונג. עסען פרוכט און וועדזשעטייבעלס און טרינקען פיעל וואַ־סער העלפט מעהר ווי קליסטירען.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ליליען וואלאך. — א הערצליכען דאנק פאר אייער שעהנעם, גוטען בריוועל, און נאך א מעהר הערצליכען דאנק פאר די צוגעשיק־טע בלומען. אבער, גזלנ'טע, וואס איהר זייט. צו וואס נאך איז בכלל געווען דאס שריי־בען, אז די בלומען זיינען ניט קיין ליבעס־בלומען? האלט איהר דען דעם רעדאקטאר פאר אזא נאר, אז ער זאל זיך קענען איינריי־דען גאר אזא זאך, ווי דאס א יונגע מיידעל, וואס האט אזוי פיל מוט צו פארלאזען ניו יארק אהן א סענט, און אנשפארען אזש אין פאלם ביטש, זאל גראדע איהם, דעם אלטען רעדאקטאר, שיקען ליבעס־בלומען! אלט ווי דער רעדאקטאר איז, האט ער אבער נאך ניט פארלארען זיין חוש פאר הומאר. און אייער באמערקונג, דאס די בלומען זיינען, חלילה, ניט קיין ליבעס־בלומען, איז געווען גאנץ איבעריג. אבער, א חוץ דעם קליינעם פעה־לער, דער „סליפ אוו טהי פען", איז אייער בריף אויסגעצייכענט, אזוי גוט, דאס מיר דרוקען איהם אין דער „גערעכטיגקייט", וואו נאר דאס שעהנסטע און דאס בעסטע ווערט פארעפענטליכט, און אנשטאט אייך שרייבען א בריף, ווי איהר פארלאנגט וועלען מיר אייך צושיקען דעם נומער „גערעכטיגקייט" מיט אייער אייגענעם בריף ג ע ד ר ו ק ט. מיר זיינען זיכער, אז דאס וועט אייך מעהר פרעהען ווי הונדערט אזעלכע בריף, געשריבען זאגאר פון רעדאקטאר אליין.

ד. ב—ן. — אייער פארלאנג איז שוין ערפילט געווארען. אייער נאמען איז אריינ־געטראגען אין דעם רייסטער פון אונזערע הא־נאריי בעל ,סובסקרייבערס. דאס און די צוויי־טע וויכטיגע זאך — איהר וועט זיך שוין אנ־שטויסען, וואס מיר מיינען, איז ניט אזוי גיך געטאן געווארען, ווייל מיר זיינען גע־ווען במעט א וואך אוועק פון ניו יארק. הא־פענטליך וועט איהר עס פארשטעהן און ענט־שולדיגען פאר דער פארשפעטיגונג.

דזשייקאב פליישער. — דער ערשטער זאץ אין אייער בריף לויטעט, ווי פאלגט: „אויב איהר האט זיך נאך ניט אין גאנצען פארקויפט צו געוויסע דזשענטעל־לייט פון אונזער יוניאן, וועט איהר שרייבען דעם אמת אין נעקסטען נומער „גערעכטיגקייט". נישט־קשה פון אן אנפאנג. די ענדע פונ'ם בריף לויטעט: „מיט גרויס דרך ארץ, דזשייקאב פליישער". פרעגען מיר אייך, ווען האט איהר געשריבען א ליגען, צי אין דעם ער־שטען זאץ, ווען איהר באשולדיגט דער רע־דאקטאר פון אייער צייטונג אין האבען זיך פארקויפט, צי אין דעם לעצטען זאץ, ווען איהר שרייבט, אז איהר האט פאר איהם גרויס דרך ארץ? ווי קען מען האבען דרך ארץ פאר איינעם, וואס פארקויפט זיך? און, עס שוין דערפאר אליין וואלטען מיר געווען פאלשטענדיג בארעכטיגט זיך אומצוקעהרען צו אייך מיט'ן רוקען, ווי מען טוט עס גע־וועהנליך מיט א גבש, וואס האט ניט דעם מינדעסטען באגריף פון דער געוועהנליכסטער אנשטענדיגקייט. אבער מיר נעהמען אין אנ־באטראכט דעם פאקט, אז איהר האט מסתמא ניט געהאט די מינדעסטע ערציהונג. דאס איז צו זעהן פון אייער בריף. מיר נעהמען אין אנבאטראכט, דאס, עס קען זיין, איהר מיינט גארניט אזוי שלעכט, און דערפאר הא־בען מיר באשלאסען מיט אייך זיך דורכצו־שמועסען. א חוץ דעם, קען דאך זיין, אז איהר זייט ניט קיין אויסנאהם אין אייער שטעדטעל. לאזט איהר דאך אונז וויסען, אז איהר האט פילע געוויזען דעם בריף, און זיי האבען אייך געזאגט, אז מיר וועלען עס מורא האבען צו דרוקען. מסתמא זיינען זיי, פונקט אזעלכע חכמים, ווי איהר, איז דאך כדאי זיך דורכצושמועסען, אפשר וועט כאטש איינער פון אייך ווערען א ביסעלע קליגער און אנשטענדיגער.

קודם כל מכח פארקויפען זיך. יע, מיר זיינען פארקויפט מיט לייב און לעבען צו דער אינטערנעשאנאל. מיר דינען איהר מיט אלע אונזערע כוחות, מיט אלע אונזערע פעהיג־קייטען, מיט אונזער גאנצען פרעסטיזש פון יאהרען און יאהרען איבערגעבענהייט צום נארישען, אונטערדריקטען און פארבלענדעטען ארבייטער. פרעגען מיר אייך, איז דאס דען א פארברעכען? וואלטען מיר זיך פארקויפט צו דעם קלאס, וואס מיר האבען אונזער גאנ־צען לעבען באקעמפט, צום קלאס פון ארבייטס־געבער, וואלט איהר געווים אונז געקאנט זיד־לען, שפייען אין פנים. אבער מיר זיינען דאך פארקויפט צו אייך, איהר נארישער אר־בייטער, צו אייערע אינטערעסען, צו אייער וואוילזיין, איז דאס עפעס, מיט וואס מיר דארפען זיך שעמען? איהר וועט אבער זא־גען אין אייער גרויסער חכמה. ניין, איהר האט זיך פארקויפט ניט צו אונז, נאר צו אונ־זערע פיהרער. און דאס איז א גאנץ אנדער זאך. פרעגען מיר אייך: און צו וועמען זיי־נען פארקויפט אייערע פיהרער? ניט צו אייך, ניט צו א י י ע ר ע אינטערעסען, און געגען די אינטערעסען פון אייערע באסעס? אמת, אין אייער בריף רעדט איהר פון דעם אדער יענעם, וואס האט אייך גענארט. אבער פון אייער בריף גופא איז קענטיג, אז איהר ווייסט, אז דאס איז אלעס ליגען. דער פאקט, אז איהר ווענדעט זיך אלץ צו די זעלבע פיה־רער, אז זיי זאלען טאן דאס און יענעס נאר אזוי ווי איהר ווילט, איז דאך דער בעס־טער באווייז, אז איהר האט אייער פולען צוטרוי צו זיי. זאנסט וואלט איהר דאך פון זיי איבערהויפט ניט געוואלט מעהר וויסען. דאס, וואס לויט אייער מיינונג, האט דער סטרייק שוין לאנג גדארפט ארויסגערופען ווערען, איז נאך ניט קיין באווייז, אז איהר זייט גערעכט. און כאטש אייער פארקויפ־טער רעדאקטאר האט אויסגעדריקט פון דער פלאטפארמע דיזעלבע מיינונג, איז עס נאך ניט קיין באווייז, אז ער איז דאס מאל געווען גערעכט. די צייט פאר ארויסרופען א סטרייק קען נאר באשטימט ווערען פון די פיהרער, וועלכע זיינען באקאנט מיט א ל ע אומ־שטענדען. און דער איינפאכער ארבייטער מעג זיך זיין מיינונג האבען וועגען דעם, מעג זאגאר מאכען א פארוואורף די פיהרער, אבער, אויב ער איז נאר א פארשטענדיגער מענש, מוז ער פארשטעהן, אז דאס לעצטע ווארט אין אזא פראגע געהערט און מוז געהערען דעם פיהרער. אמאל איז די צייט זעהר אונ־גינסטיג פאר א סטרייק, און איהר, אייני־צעלנער ארבייטער קענט עס ניט וויסען. א מאל זיינען ניטא די נויטיגע סטרייק־מיט־לען, און איהר, איינצעלנער ארבייטער, קענט עס ניט וויסען. אמאל קען זיין איז דא א מעגליכקייט אויסצופיהרען די הויפט־פאדער־רונגען אהן א סטרייק, איז א סטרייק אין אזא פאל איבעריג נאריש. דאן האט איהר א מיינונג וועגען דער נויטווענדיגקייט פון „איי טיים־באזיס", און איהר קענט עס גאר ניט פארשטעהן, וואס אייערע פיהרער זיינען געגען דעם. דאס קומט אבער פון דעם, וואס איהר האט א קליין קעפעלע, און וואס איהר האט זיך ניט אריינגעטראכט אין דער גאנצער פראגע. מיר וועלען ביי געלעגענהייט ערקלערען ברייט דעם ענין, און ווארום די אינטערנעשאנאל מוז זיין געגען די טיים־קאנטראקט. אבער פאר אייך און אייער שטאדט וואלט מען עס גארניט בא־דארפט ערקלערען. האבען דען אייך די בא־סעס ניט אפגענארט שענדליך מיט דיזע טיים־קאנטראקטס? האבען דען פילע באסעס ערפילט דאס, וואס זיי האבען צוגעזאגט, און פאר וואס זיי האבען די ארבייטער באצאהלט קלענערע וויידזשעס, ווי די ארבייטער פון פילע אנדערע שטעדט? שרייבט איהר דען ניט אליין אין אייער בריף, אז איהר געהט שוין ארום 20 וואכען לעדיג? עס שטעלט זיך די פראגע: ווארום ארבייט איהר ניט, אויב איהר האט געהאט א קאנטראקט פאר 42 וואכען דורכ'ן יאהר? אויב אימיצער האט באדארפט זיין געגען אט דעם בלאף פון „גאראנטיע", „טיים קאנטראקטס", האט איהר עס באדארפט זיין, ווייל איהר ווייסט דאך פון דער פראקטיקע, ווי מען האט אייך אפ־גענארט, און דאך איז דאס ביי אייך די וויכ־טיגסטע פראגע. קען עס אימיצער באגריי־פען? מוז מען ניט אננעהמען, אז איהר ווייסט גארניט, וואס איהר רעדט? און איהר האט נאך אויסצוזעצען געגען „די דזשענטעל־לייט פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן". איהר פרעגט אונז, ווי לאנג וועט מען אייך און עהנליכע צו אייך האלטען פאר גולמים? און מיר ענטפערען אייך: אזוי לאנג, ווי איהר וועט זיך אויפפיהרען, ווי גולם'ס, ווי נפשות, וועלכע ריידען און ווייסען ניט וואס, וועלכע האבען אויערען און הערען ניט, אוי־גען און זעהען ניט, אזוי לאנג, וועט מען אייך האלטען פאר דאס, וואס איהר זייט. ווייזט נאר ארויס אביסעלע געזונטען מענ־שען פארשטאנד, ווייזט ארויס דעם קלענ־סטען סימן פון זעלבסטאכטונג און פון אכ־טונג, צו די, וועלכע זיינען פארקויפט צו אייך מיט לייב און לעבען, און איהר וועט ניט דארפען קיינמאל שטעלען אזעלכע נא־רישע פראגען, און מאכען אזעלכע אומגע־לומפערטע באהויפטונגען ווי איהר טוט עס אין אייער בריף.

אייער בריף שיקען מיר אייך צוריק. האלט איהם, פארניכטעט איהם ניט. לייגט איהם אוועק אויף א זיכערען פלאץ. אין א פאר יאהר שפעטער, אפשר, בעהמט און לייי־ענט איהם איבער פאר זיך, און מיר האפען, אז אייער פנים וועט רויט ווערען דאן פאר שאנדע פאר אייער אמאליגער נארישקייט.

מ. קופער. — דערוויל האט איהר אין דעם צוגעשיקטען ברוך־שטיק, וואס איהר רופט אן מיט דעם נאמען „ארטיקעל", נאך גארניט געזאגט, וואס זאל עס מאכען ווערט צום דרוקען. אין אלגעמיין שיינט אונז, אז דאס איז ניט א טעמע, וואס איהר קענט בא־האנדלען. איבער דער דאזיגער פראגע מא־טערען זיך גאנץ גרויסע קעפ, און זיי זיינען נאך ביז איצט ניט געקומען צו קיין גאנץ קלארען שלוס. דאך, פון אויבען־אויף, זעהט עס אויס צו זיין א גאנץ אמת'ער און מי־שטארקער קריזיס. דער פאקט איז, אז מי־ליאנען מענשען זיינען ארבייטסלאז, און עס פעהלט זיי דאס סאמע נויטיגסטע; אז נאך מעהרערע מיליאנען ארבייטען בלויז א פאר טעג א וואך, און האבען קוים גענוג די נשמה צו דערהאלטען, אז די טויזענדע און צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער שניידט מען די וויידזשעס, כאטש דער יקרות איז אויף א האר ניט קלענער געווארען. אונטער דיזע אומשטענדען, שיינט, איז דאס גאנצע חקירה'ן זיך כמעט פון קיין פראקטישען ווערט.

ס. ז. — מיר האבען אייך שוין לאנג צוריק געענטפערט, אז מיר האבען ניט מעהר דעם מאנוסקריפט. לויט מיר געדענקען, האבען מיר אפגעשיקט דעם מאנוסקריפט אייך

ווי הויך זיינען איצט די לעבענס-קאסטען פאר די ארבייטער

פון אלעקסאנדער טראכטענבערג.
(דירעקטאר ריסוירטש דעפארטמענט א. ל. ג. וו. י.)

אין אנפאנג פון לעצטען הערבסט האט אונזער גאנצע פרעסע אנגעפאנגען א קאמפיין, אום צו באווייזען, דאס די לעבענסקאסטען ווערען ביליגער, און דאס באלד, באלד וועלען די נויטיגע לעבענס-מיטלען פארקויפט ווערען אזוי ביליג, ווי זיי זיינען געווען פאר דער מלחמה.

דאס פרייז-פאלען אין לוקסוס-ארטיקלען, ווי אויטאמאבילס, פוטערס, און אין מאנכע נויטיגע לעבענס-ארטיקלען, ווי קליידער, איז אויסגעפויקט געווארען, אלס אן איבערברוך אין דעם שטענדיגען פרייז-שטייגען פון די לעצטע זעקס יאהר.

ארבייטער, וועלכע האבען אויסגע-פירט צו קריגען א העכערונג אין שכירות, האט מען מודיע געווען, דאס דער סאמע שפיץ פון הויכע פרייזען איז שוין דער-גרייכט געווארען און דאס עס לאזט זיך שטארק פיהלען, ווי די פרייזען פון פילע נויטווענדיגע זאכען ווערען אלץ ביליגער. די פרויען פון די ארבייטער האבען אבער געהאלטען אלץ אין איין באקלאגען זיך, אז דאס געלד, וואס זיי קריגען אויף די שטוב-הוצאות, איז ניט גענוג, אום צו קויפען דאס, וואס זיי האבען נויטיג, און אז זיי פיהלען נאך איצט, פונקט ווי פרי-הער, די גאנצע איינגעשרומפענקייט פון דעם דאלאר.

די ארבייטער, ניט קענענדיג אנהאל-טען זייער לעבענס-שטייגער, וואס זיי האבען דערגרייכט, האבען געפאדערט א העכערונג פון ווייזדזשעס, וועלכע זאלען האבען דיזעלבע קויף-קראפט, וואס עס האבען געהאט זייערע פריהערינגע קלענע-רע ווייזדזשעס.

אין די לעצטע מאנאטען פון 1920, צוליב דעם, וואס מענשען האבען אנגע-הויבען ווייניגער פארברויכען און צוליב דער גאנץ באשיינפערליכער ענגקייט אין געלד, זיינען געוויסע ארטיקלען אנגעבא-טען געווארען צו עטוואס קלענערע פריי-זען. די ארבייטער-פאמיליען האבען עס אבער ניט נעפיהלט אין דער טעגליכער הוצאה. ס'איז געווען דערפאר, ווייל דיזע פרייז-פארקלענערונג האט זעהר ווייניג שייכות געהאט מיט דער הוצאה פון דער דורכשניטליכער ארבייטער-פאמיליע.

די לעבענס-קאסטען קאנען ניט גע-מאסטען ווערען בלויז דורך דאס שטייגען און פאלען פון דעם פרייז פון געוויסע ארטיקלען. די ענדערונגען אין די פרייזען מוזען האבען א צוזאמענהאנג מיט דער הוצאה פון דער ארבייטער-פאמיליע. דער-פאר האט „די יונייטעד סטייטס ביורא אוו לייבאר סטאטיסטיקס" אנגענומען אין דעם לויף פון די לעצטע צוויי יאהר די הוצאה-מעטאדע אין דעם מעסטען פון די ענדערונגען אין די לעבענס-קאסטען.

לעצטען דעצעמבער איז פארגעקומען די לוין-פראגע אין קליוולאנד, וואו קלאוק-מאנופעקטשורער זיינען געוועזן ענטשלאסען צו קריגען א פארקלענערונג פון די ווייזדזשעס, שטיצענדיג זיך אויף די פיעל-אויסגעפויקטע ביליגקייט פון פארשידענע ארטיקלען. די פארשטעהער פון דער קלאוק-מאכער יוניאן האבען פון זייער זייט, באדארפט באווייזען פאר דער ארביטריישאן באארד, אז ניט נאר זיינען די לעבענס-קאסטען ניט ארונטערגעגאנ-גען, נאר אז דער יעהרליכער פארדינסט פון דעם ארבייטער איז צימליך נידערי-גער פאר דעם מינימום פון געזונד-און אנשטענדיגקייט בודזשעט, וועלכען די יו-נייטעד סטייטס ביורא אוו לייבאר סטא-טיסטיקס האט אויסגעארבייט פאר די דורכשניטליכע ארבייטער-פאמיליע, וועל-כע באשטעהט פון א פאטער און מוטער און פון דריי קינדער אונטער דעם על-טער פון 14 יאהר.

א גרינדליכע אויספארשונג פון די ריטייל-פרייזען און פון די פרייזען פון פארשידענע נויטווענדיגקייטען אין קליוו-לאנד איז געמאכט געווארען פון דעם פארשונגס-דעפארטמענט פון דער א. ל. ג. וו. י. די רעזולטאטען פון זייער אויס-פארשונג זיינען פארגעלייגט געווארען פאר דזשאדזש מעק'ס ארביטריישאן באארד, וועלכע האט עס גערארפט פסק'-ענען, צי עס זאל באווילינט ווערען דער פארלאנג פון די קלאק-מאנופעקטשורער פאר א פארקלענערונג פון די ארבייטער-ווייזדזשעס.

די ביורא פון לייבאר סטאטיסטיקס פון דעם יונייטעד סטייטס דעפארטמענט אוו לייבאר, נאכדעם, ווי זי האט גע-מאכט א גרינדליכען שטודיום איבער די באדירפניסע פון דער דורכשניטליכער ארבייטער-פאמיליע, איז זי געקומען צו דעם, וואס זי האט אנגענומען דעם מיני-מום פון געזונד און באקוועמליכקייט. וואס מיינט, אז מיט ווייניגער ווי דאס, קאן דער ארבייטער ניט אויפהאלטען זיין געזונד און קאן זיך ניט פיהלען באקוועם. זי האט אט דעם לעבענס-שטייגער אפגע-טיילט פון אנדערע צוויי לעבענס-שטיי-גערס. זי האט באטראכט דרייערליי לע-בענס-שטייגערס:

א. דער שטייגער פון א בעטלער-לעבען. וועגען דעם סארט-לעבען מאכט די ביורא פאלגענ-דען פירוש: „דאס מיינט א לעבענס-שטייגער, וואס איז נאר עטוואס איבער אזא לעבען, וואו די פאמיליעס זיינען געצוואונגען אדער אנצונעהמען קצבה, אדער וואו זיי מוזען אריינקריכען אין ערנסטע חובות.

ב. דער שטייגער פון בלויזער עקזיסטענץ. דאס איז לויט דער פארטייטשונג פון דער ביורא, אזא לעבענס-שטייגער, וואס גיט נאר די מעגליכקייט פון א טירישער עק-זיסטענץ, און גיט ניט די מעגליכקייט צו באפרידיגען די בארערפנישע פון די מענשען, אלס געזעלשאפטליכע באשעפ-נישען.

ג. דער שטייגער פון א מינימום פון געזונד און באקוועמליכקייט. דער סארט לעבען ווערט פון דער ביורא ערקלערט, אלס אזעלכער, וועלכער איז אביסעל הע-כער, ווי דער בלויזער-עקזיסטענץ-גראד. ביי דעם גראד זיינען דער ארבייטער און זיין פאמיליע פארזארגט ניט בלויז מיט דאס סאמע נויטווענדיגסטע, מיט שפייז, קליידער און וואוינונג, נאר אויך מיט גע-וויסע באקוועמליכקייטען, וועלכע רופען ארויס אין דעם ארבייטער דעם געפיהל פון זעלבסט-אכטונג און פון אנשטענ-דיגקייט. דאס מיינט אויך א געוויסע מאס פון פארזיכערונג נעגען די העכסט-וויכטיגע אומגליקען: טויט, קראנקהייט און פייער; אויך געוויסע אמיוזמענטס און מאנכע אויסגאבען פאר זעלבסט-ענטוויקלונג.

דער לעצטער סארט בודזשעט וועלכען די ביורא אוו לייבאר סטאטיסטיקס האט אנגענומען אלס אזעלכען וואס מוז גע-נומען ווערען אין אנבאטראכט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען ארבייטער-ווייז-דזשעס, ווערט צונלידערט ווי פאלגט:

1. גענוג נארהאפטע שפייז פאר די אויפהאלטונג פון דעם געזונד, איבער-הויפט פון דעם געזונד פון די קינדער.

2. וואוינונג אין די נאכבארשאפטען פון נידריגען רענט, און אין דער קלענ-סטער צאהל רומס, וואס קאן געהן האנד אין האנד מיט אנשטענדיגקייט, אבער מיט גענוג באלייכטונג און באהייצונג און טאילעט-באקוועמליכקייט פאר דער אויפ-האלטונג פונ'ם געזונד און אנשטענדיג-קייט.

3. דאס אויפהאלטען פון דער הויז-ווירטשאפט, ווי אלעס, וואס איז נויטיג אין קיך, אין בעט — אלעס, וואס איז אומבאדינגט נויטיג פאר'ן געזונד, אבער בשום אופן ניט פאר איבעריגע הויז-מע-בעל.

4. קליידער, וואס זאלען זיין גענוג פאר ווארעמקייט, וואס זאלען זיין פון א גענינענד גוטער קוואליטעט, אז עס זאל זיין עקאנאמיש, אבער מיט קיין וואונש, אז עס זאל אויסזעהן שעהן, אז עס זאל זיין לויט דער לעצטער מאדע, נאר אויף אזויפיל, אויף וויפיל עס איז נויטיג, אז זיי זאלען קאנען ארויסגעהן אין גאס אדער אין זייער באשרענקטען סאציאלען צירקעל, און זיך ניט דארפען שעמען מיט זייער אויסזעהן, אזוי אז זיי זאלען ניט דארפען פארלירען זייער זעלבסט-אכ-טונג.

5. עטוואס איבער די אלע אויסגע-רעכענטע הוצאות פאר פאלגענדע נוי-טיגע פאדערונגען:

א. געלד פאר פאהרען הין און צו-ריק פון און צו דער ארבייט, אויך צו סטארס און צו מארקעטס.

ב. דאס אנהאלטען פון א געמעסיג-טער סומע פון אינשורענס.

ג. מעדיצינישע און דענטאל אויפ-פאסונג; ביישטייערע צו קירכען, צו אר-בייטער-און אנדערע בענעפיט-ארגאניזא-ציעס.

ד. איינפאכע אמיוזמענטס, ווי מוא-ווינג פיקטשורס, איינמאל אין א וואו-כע, אמאל דורכפאהרען זיך אין דער קאר אוים פארגעניגען; מאנכע קריסטמעס-געשענקע, א. ז. וו.

ה. א טעגליכע צייטונג.

אז דער אויבען-געשילדערטער בו-דזשעט איז ניט קיין פארשווענדערישער און איז נאר א מינימום, וועלכער איז נוי-טיג פאר די ערהאלטונג פון א פאמיליע ביי איהר געזונד און אנשטענדיגקייט, ווערט נאך מעהר פארשטארקט פון דער לייבאר ביורא דורך פאלגענדע ווער-טער:

„עס מוז באטאנט ווערען, דאס דער בודזשעט, וואס ווערט אנגענומען אין די-זער אויספארשונג, קאן בשום אופן ניט באטראכט ווערען, אלס אן אידעאלער בו-דזשעט. עס איז געווען די אבזיכט פעסט-צושטעלען דעם סאמע מינימום פון גע-זונד און אנשטענדיגקייט, וועניגער פון וועלכען מיינט א געפאהר פאר דעם גע-זונד און מאראל פון דער פאמיליע. דיזער בודזשעט שליסט ניט איין פילע בעקוועמ-ליכקייטען, וועלכע דארפען זיין אין א ריכטיגען „אמעריקאנער לעבענס-שטיי-גער". אזוי, צום ביישפיל, איז אין דעם בודזשעט גאר ניט באמערקט געווארען וועגען אפשפארען עפעס, איבער איינשפא-רענס, אויך ניט פאר וואקיישענס, אויך ניט פאר בילדונג און אנדערע ערציהונגס-צוועקען. פון דער אנדערער זייט אבער, א פאמיליע מיט די זאכען, וואס געהערען צו דעם בודזשעט, דארף זיין אין שטאנד צו דערהאלטען זיך געזונד און באקוועם. מיט אזא בודזשעט קאן זי האבען גענוג שפייז, רעספעקטאבלע קליידונג, א סא-ניטארע וואוינונג און א מינימום פון די נויטווענדיגסטע פארשידענע קלייניגקיי-טען.

ספעציפיש איז דער אויבען-געשיל-דערטער בודזשעט צוטיילט געווארען אין זעקס פארשידענע גרופען: 1) שפייז, 2) קליידער, 3) וואוינונג, 4) ליכט און ווארימקייט, 5) הויזווירטשאפט, אלעס נויטיגע דערצו און 6) פארשידענעס. די לעצטע גרופע מיינט א פארזארגונג פאר אינשורענס פון לעבען, פייער און געזונד, קאר-פעיר, אמיוזמענטס, אפרוה, ביישטייע-גע צו דער קירכע אדער שול, צו פאר-שידענע ארבייטער ארגאניזאציעס אדער צו לאדזשען, ארבייטער-רינגען, רייעליכ-קייט-זאכען, צייטונגען און אנדערע צו-פעליגע אויסגאבען.

אלס רעזולטאט פון זייער גרינדליכער אויספארשונג פון די פארשידענע בו-דזשעטען און די באדירפניסע פאר פא-מיליען-באקוועמליכקייט פון פארשידענע אויטאריטעטע קוועלען, זיינען פאר די פארשידענע גרופען באשטימט געווארען געוויסע קוואנטיטעטען.

דער שפייז-בודזשעט, וועלכער רעפ-רעזענטירט דעם גרעסטען טייל פון דער גאנצער אויסגאבע פון דער פא-מיליע, איז באזונדערס-אויסגעפארשט געווארען פון דעם שטאנדפונקט פון דער נאהרהאפטיגקייט פון די פארשידענע שפייזען.

אין דעם פארזוך אויסצוגעפינען אויף זיכער די ווירקליכע קאסטען פון דעם „געזונד-און אנשטענדיגקייט-בודזשעט" פאר דעם דורכשניטליכען ווייזדזש-אר-בייטער און זיין הויז-געזינד אין קליוו-לאנד אין דער איצטיגער צייט האבען מיר אין אונזער אויספארשונג נאכגע-פאלגט גאנץ שטרענג דער באשטימטער איינטיילונג פון דער יונייטעד סטייטס לייבאר ביורא אוו סטאטיסטיקס, און מיר האבען געקראגען אין אונזער אונ-טערזוכונג די רעפרעזענטאטיווע פרייזען פאר די פארשידענע ארטיקלען.

דער קאסט פון שפייז און וואוינונג איז באטראכט געווארען פון דעם שטאנד-פונקט פון דער נאכבארשאפט, וואו די ארבייטער לעבען, און ניט פון דער שטאט, אלס גאנצע. אזוי זיינען די פרייזען פאר שפייז-ארטיקלען גענומען געווארען אין די מארקעטס, וואו די ארבייטער-פרויען קויפען זיי. ענליכע פרייזען זיינען גע-קראגען געווארען פון גראסעריס, בוט-שער-שאפס אין די געגענדען, וואו די ארבייטער לעבען.

די יעהרליכע אויסגאבע פאר וואוי-נונג האבען מיר פעסטגעשטעלט פון אן אויספארשונג צווישען די מיטגלידער פון דער יוניאן. פרייזען פאר אנדערע וויכ-טיגע ארטיקלען האבען מיר געקראגען פון פארשידענע דעפארטמענט סטארס, פון מענישע און ווייבליכע פוירנישינג סטארס און פון אנדערע עהנליכע געשעפטען, וואו עס האנדעלט איין איהרע זאכען די דורכ-שניטליכע ארבייטער-פאמיליע. אין אל-געמיין איז דער ציל געווען ניט צו קרי-גען בלויז פרייזען, נאר גיכער אוועקצו-שטעלען די לעבענס-קאסטען אויף א מי-נימום, אננעמענדיג דאס די פרוי פון דעם ארבייטער איז העכסט עקאנאמיש, און קויפט נאר דארט איהרע זאכען, וואו די פרייזען זיינען אזוי וויים, ווי מעגליך ני-דעריג.

ארום איין הונדערט און צוואנציג שפייז-ארטיקלען זיינען באטראכט גע-ווארען אין דער אויספארשונג פון דעם שפייז-בודזשעט. פארשידענע פרייזען זיינען געקראגען געווארען פאר דיזעלבע ארטיקלען, און אויף אזא אופן האבען מיר ארויסגעקראגען דעם ריכטיגען דורכ-שניטס-פרייז. דער שפייז-בודזשעט איז איינגעטיילט געווארען אין עטליכע קא-טעגאריעס, און דער סך הכל פון דער יעהרליכער אויסגאבע פאר יעדע פון די-זע קאטעגאריעס איז ווי פאלגט:

פלייש	$154.47
פיש	29.08
מילך-פראדוקטען	208.27
פעטס	26.19
אייער	63.24
סיריעלס און זייער-פראדוקטען	135.48
צוקער	39.32
פרוכט, פרישע	77.11
פרוכט, געטריקענטע	10.92
פרוכט אין קענס	22.28
גרינסען, פרישע	113.85
גרינסען, געטריקנעטע	5.34
גרינס אין קענס	14.21
פארשידענעס	56.92
סך הכל	$950.64

קליידונג. — די באדירפניסע פון יעדען איינעם פון די פינף מיטגלי-דער פון דער פאמיליע זיינען באטראכט געווארען אין פארבינדונג מיט קליידונג פאר די פארשידענע צייטען פון יאהר. די מאס קליידונג באשטימט פון דעם לייבאר ביורא-בודזשעט איז שטרענג אפ-געהיט געווארען, כאטש אין פיל פעלע איז קלאר, אז דער בודזשעט איז וויים ניט גענוגענד. אזוי איז די יעהרליכע באוויליגונג פון בלויז איין דריטעל פון א זומער-סוט (דאס מיינט איין סוט פאר דריי זומערען), איין דריטעל פון א ווינ-טער-סוט, איין דריטעל פון אן אויבער-ראק, צוויי נאכט-העמדער, צוויי טיים און נאר איין פראנט העמד פאר דעם פאטער; א האלבע דרעס-וויוסט, איין האלבע קאטען-סקוירט, איין דריטעל ראק און נאר צוויי נאכט העמדער פאר א גאנץ יאהר פאר די מוטער — דאס זיינען איי-ניגע איינצעלהייטען פון דעם קליידונגס-בודזשעט, וועלכען מיר קאנען ניט האל-טען פאר צופרידענשטעלענד פון דעם שטאנדפונקט פון דער דורכשניטליכער ארבייטער-פאמיליע.

די פארטיילונג פון די אויסגאבען פאר קליידונג איז, ווי פאלגט:

מאן	177.35
ווייב	211.44
א אינגעל פון 12	127.17
א מיידעל פון 6	85.37
א אינגעל פון 2	66.33
סך הכל	667.61

3. וואוינונג. די אויסגא-בען פאר וואוינונג פון 73 מיטגלידער פון אונזער יוניאן זיינען אונטערזוכט געווארען.

די דורכשניטליכע רענט א מאנאט איז 32.98 דאל. אין א יאהר מיינט עס אן אויסגאבע פון 395.76 דאל. זאל דא באמערקט ווערען, אז די לייבאר ביורא האלט פאר נויטווענדיג פינף צימערען פאר א פאמיליע פון פינף, אז זי זאל קאנען לעבען פארהעלטניסמעסיג אנ-שטענדיג און באקוועם. אבער, ווער עס איז נאר באקאנט מיט די וואוינונגס-פארהעלטניסע אין קליוולאנד, און מיט די רענט, וואס ווערט געצאהלט זאגאר אין די ארבייטער געגענדען, וויים, אז פאר א רענט פון 32 ד. א מאנאט קען דער ארבייטער ניט קריגען קיין וואוי-נונג מיט פינף צימער, אבער פאר דעם צוועק פון דעם איצטיגען בודזשעט וועלען מיר באטראכטען די סומע פון 395.76 דאל. אלס די וועלכע איז בא-שטימט פאר רענט.

4. באלייכטונג און באהיי-צונג. די מיטגלידער פון אונזער יו-ניאן זיינען אויסגעפרעגט געווארען וועגען דעם, וואס עס קאסט זיי גאז, עלעקטריצי-טעט און קוילען. אום צו מאכען די זאך איינפאכער איז אנגענומען געווארען, דאס גאז ווערט געברויכט פאר קאכען, עלעקט-ריציטעט פאר באלייכטונג און קוילען פאר באהייצונג, און עס איז אויסגעפינען געווארען, דאס דער דורכשניטליכער קאסט פאר גאז איז 2.12 דאל. א מאנאט, אדער 25.44 א יאהר. די מאנאטליכע אויסגאבע פאר עלעקטריציטעט איז 1.67 דאל. אדער 20.04 דאל. פער יאהר. וועגען דעם קאסט פון קוילען איז אויס-געפונען געווארען, דאס די דורכשניטליכע פאמיליע, וואס פארנעמט 5 צימער, דארף האבען וועניגסטענס 5 טאן קוילען, און לויט דעם הערשענדען פרייז, באטרעפט דער קאסט פון קוילען 82.50 דאל. אלעס צוזאמען קאסט אלזא דער ארבייטער-פאמיליע באהייצונג און באלייכטונג 127.98 דאלער.

(שלום פאלגט).

א דאנק צוזאמען מיט א מתנה פאר גוטע ארבייט.

די ארבייטער פון העלער, שאפירא און האלטצבערג, 35 איסט 10טע סטריט, דריקען אוים זייער בעסטען דאנק צו ברו-דער לעווין פאר זיין גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן פאר אונז.

אויך פרעזענטירען מיר אים מיט א פיינער פאונטען פען.

די קאמיטע:

ס. קאלינס, טשערמאן.
מאקס גאלדין.
אייב זעפאוויטש.
מאקס ראטמאן.

די אידישע וואנדערונג אין אייראפּא און הילף דורך ארבייט.

(שלוס פון זייט 7)

אויפוויזען, אז זיי האבען שטעלעס ביי פאריזער בעלי־מלאכות אדער פאבריקאנטען.

די ארבייט־פארזארגונג און אלע פארמען פון הילף דורך ארבייט מוזען, לויט דעם ביישפיל פון דייטשלאנד, תיכף ארגאניזירט ווערען אומעטום אין מערב־אייראפּא. א דאנק דער איניציאטיווע און דער אקטיווער הילף פון דעם עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער אידישער וועלט־הילף־קאנפערענץ, איז לעצטענס אויך אין פראנקרייך געווארען געבילדעט א ספּעציעלע „אידישע געזעלשאפט פאר הילף דורך ארבייט". אזוינע ארגאניזאציעס מוזען באשאפען ווערען אין אלע מערב אייראפּייאישע לענדער.

בעת די מיליטערישע גירושים אין אנהויב פון דער מלחמה אין רוסלאנד האָבען די „ארבייטס־ביוראס" אין די פארשיידענסטע רוסישע שטעדט, וואו ס'האָבען זיך דעמאלט קאנצענטרירט די אידישע היימלאזע, געבראכט דעם גרעסטען נוצען און האבען ארויסגערופען א לעבעדיגען אינטערעס גראד ביי די דעמאָקראטישע טיילען פון דער אידישער געזעלשאפטליכקייט און ביי דער אידישער ארבייטערשאפט.

איצט ווען די פראגע פון די היימלאזע ריהרט אן נאהענט ניט בלויז די אידען פון איין לאנד, נאר איז געווארען א פראבלעם פאר דעם גאנצען אידישען כלל, איז צו דערווארטען, אז די אידישע ארבייטער און פאלקס־קרייזען וועלען זיך אומעטום מיט דער גאנצער ענערגיע באטייליגען אין דער אנטשפּרעכענדער הילפס־ארבייט און וועלען אויף אויס'ן געביט פון עמיגראציע איינפירען די פרינציפען און די מעטאדען פון פּלאנמעסיגער און פראדוקטיווער הילף אנשטאט די אלטע צדקה־גיינג.

אין דער פראדוקטיווער הילף, אין דער הילף דורך ארבייט ליגט אפשר די איינציגע רעטונג, וואס איז פארבליבען פאר דער אידישער וואנדערער־מאסע אין צענטראל און מערב־אייראפּא.

די אידישע פאלקס־ און ארבייטער־מאסען מעבר לים מוזען איינזעהן, אז אויך זיי זייען נאהענט פאראינטערעסירט אין די רעזולטאטען פון אזא פּרוב פראטעקטיוו צו פארענטפערען דעם אידישען אימיגראציע־פּראבלעם אין די גרעניצען פון אייראפּא, אז די אימיגראציע גופא איז אין א סך אייראפּעאישע לענדער, וואס די פוס פון דעם אידישען וואנדערער האט פריהער כמעט גארניט באטראטען, איז אין א גרויסער מאס דער פועל־יוצא פון דער איצטיגער אמעריקאנער איינוואנדערונג־פּאליטיק. זיי וועלען דערפאר נעהמען דעם געהעריגען אנטייל אין דער ארבייט, וואס שטעהט בעפאר און וואס מיט ארטיגע כחות איז מען דערווייל אפשר גאר נאך ניט אימשטאנד זי דורכצופירען.

באמערקונג: דער דאזיגער ארטיקעל ווערט געדרוקט אין דער זעלבער צייט אין 1טען נומער פון דער צייטשריפט „הילף", וואס ווערט ארויסגעגעבען אין פאריז דורך דעם עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון דער אידישער וועלט־הילף־קאנפערענץ.

וואו מען קאן באקומען די „גערעכטיגקייט"

די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל באקומען די „גערעכטיגקייט" דורך פאסט. די וואס זיינען נים קיין מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל און ווילען לייענען די „גערעכטיגקייט" וועלען פון די וואך אן קאנען באקומען צו קויפען די צייטונג אויף די פאלגענדע סטענדס:

אין די בראנקס:
ביי סעם באראך, נעבען דזשעקסאן עוועניו פון די סאבוויי סטיישאן.
ביי ס. גינזבורג, נעבען אינטערוויל עוועניו סאבוויי סטיישאן.
דזש. מיכעלסאן, נעבען פרימאן סטריט סאבוויי סטיישאן.

אין הארלעם:
דזשאזעף באגנער, מעדיסאן עוועניו און 111טע סטריט.
ס. אייזעריק, 1626 מעדיסאן עוועניו, קארנער 100טע סטריט.
א. מילעפסקי, מעדיסאן עוועניו, קארנער 106טע סטריט.

אויף דער איסט סייד:
לואיס שפער, נארד־איסט קארנער דעלענסי און עסעקס סטריט.
מ. זווירין, דעלענסי און קלינטאן סטריט.
פיליפ בערקסאן, קאנעל סטריט, קארנער ראטגער סטריט.

אין ברוקלין:
לעא גאלדשטיין, האוועמייער און נארטה 4טע סטריט.

אין בראנזוויל:
היימאן קאלעטצקי, סטאון און פיטקין עוועניוס.
ה. מאגעלעפסקי, דאוגלאס סטריט און פיטקין עוועניו.

סקירט און דרעס מאכער לאקאל 23

רעגולע סעסשאן מיטינגען

וועלען אפּגעהאלטען ווערען

דאנערשטאג אווענד, דעם 10טען פעברואר

דאון טאון, אין „פארווערטס" בילדינג.
בראנקס, אין לאנדאן קאסינא.

איהר זייט אויפגעפאדערט דיזע מיטינגען צו באזוכען.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ת. וואנדער, מענעדזשער.

דרעס און וויסט־מאכער, אויפמערקזאם!

קומט צום

ספּעשעל מיטינג

דינסטאג, דעם 8טען פעברואר

אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט., 8 אוהר אווענד

דארט וועלען געמאכט ווערען אלע אראנזשמענטס פאר דעם דזשענעראל סטרייק.

דאס וועט זיין דער לעצטער מיטינג, איידער דער דזשענעראל סטרייק ווערט גערופען.

בלויז מעמבערס מיט יוניאן־קארדס ווערען צוגעלאזען.

לערנט ענגליש!

NEW COURSES IN THIS SUBJECT
Begin at the
RAND SCHOOL
FEBRUARY 7

English A. .... Monday, Wednesday, Thursday—7:30 P. M.
English B. .... Monday, Wednesday, Thursday—8:40 P. M.
Miss Caruth
English A. .... Monday, Wednesday, Thursday—8:40 P. M.
English B. .... Monday, Wednesday, Thursday—7:30 P. M.
Louis Jacobs
English C. .... Monday, Wednesday, Thursday—7:30 P. M.
English D. .... Monday, Wednesday, Thursday—8:40 P. M.
Mrs. Arthur W. Calhoun

FEE, $3 A MONTH; $7.50 FOR THREE MONTHS
IF PAID IN ADVANCE.

For information or registration apply to
Rand School of Social Science, 7 E. 15th Street.

שיקאגא! שיקאגא!

אלע מעמבערס פון לאקאל 100, 81, 54, 18 און 5
וועלען זיך טרעפען און פארברענגען

ביי דעם דריטען יעהרליכען באלל

געגעבען פון

לאקאל 100 דרעס און סקירט מאכער יוניאן
א. ל. ג. וו. י.

שבת אווענד, 12טען פעברואר
(לינקאלן'ס געבורטס־טאג)

אין גרויסען אשלאנד אודיטאריום,
אשלאנד און וואן ביורען סטס.

איינטריט 35 סענט.

טיקעטס צו באקומען ביי אלע מעמבערס און אין אפיס פון דער יוניאן, 29 ג. וועלל'ס. טירען אפען 8 אוהר פינקטליך.

לאקאל 100 באלל קאמיטע,
אייב בערטשאק, טשערמאן.

אורווינג פּלייס טעאטער

מאריס שווארץ, דירעקטאר, מאקס ר. ווילנער, דזש. מענ., הערמאן פייער, ביז. מענ.
Tel. Stuyvesant 1350

גרויסער קינסטלערישער ערפאלג!

פרייטאג אווענט, שבת און זונטאג מאטינע און אווענט

מאריס שווארץ
אין
מאקסים גארקי'ס
גרויסע ווערק

מיעשטשאניע
(מיטעלקלאס מענשען)

ניי איבערזעצט פון מארק שווייד.

מאריס שווארץ אלס טיטעראוו צוזאמען מיט דזשעני וואליער, בערטא גערסטין, מישא און לוסי גערמאן, א. טייטעלבוים, י. רובינסקי, מ. סאמוילאף, מאד. בערקוויץ, ה' פערקוויץ, מאד. ליאנסקי און מוני וויזענפריינד

געביל'ס טעאטער

235 באוערי, טעל. ארטשארד 4345.
מאקס געביל, דירעקטאר. הערי גאטי, מענ.

מאקס געביל'ס

א נייע דראמע אין געביל'ס טעאטער!
פרייטאג אווענד, שבת און זונטאג מאטינע און אווענד

דזשעני גאלדשטיין
אין מאקס געביל'ס נייעסטע דראמא

קינדער יאהרען

דראמא אין 4 אקטען פון מאקס געביל
(פריי נאך איבסען).

דזשעני גאלדשטיין אין דער גרויסער קונסטלעראלע אלס עלא, א סקול מיידעל. צוזאמען מיט ה' ראטשטיין, מאד. שנייער, האכשטיין, פרענסיס סינקאף, מאד. גראפער, ה' מאני, ה' שווייד און ווילימאם עפשטיין, ווי אויך ה' אייב סינקאף.

י. סראוו

בערזשעס און בענערס

פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר. סטריקטלי יוניאן ארבייט.

134 קלינטאן סטריט. ניו יארק.

...פּאַיס פון דער „פ. א. ש." פרעגט זיך נאָך דאָרט. אויב ער איז ניטאָ מעהר, איז עס פאַרלאָרען געגאַנגען, און ווילט איהר וויסען אונזער מיינונג, ערקלערען מיר אייך, אז איהר האָט ניט וואס צו באדויערען. אייער גאַנצע שרייבערייז האָט ניט דעם מינדעסטען ווערט.

ב. גרינפעלד. — אייער טרייסטען אונז איז איבעריג. אזעלכע נאַרישע אַנגריפען הויבען אונז ניט אָן צו ארען, אפילו, ווען זיי קומען פון קוועלען, וועלכע איהר כאַ-ראַקטעריזירט, אלס „אונערוואַרטעטע". וואַ-רום אָבער אונערוואַרטעט? מיר קענען צו גוט די מענשליכע נאַטור, ווי זי איז, און מיר האָבען עס גראָדע ערוואַרטעט.

קויפט אויסשליסליך
וויים לילי טהעע
סאַלאַסכיא טהעע
צוועטאַטשני טשאַי

טעלעפאָן גרעמערסי 2441
די לענאַרד פּרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

קלאָוקמאַכער אויפמערקזאם

איהר ווערט אויפגעפאָדערט ניט צו ארבייטען קיין נאַכט... ארבייט אין אייערע שעפער אדער לאַנג עס געפינען זיך נאַ... ביי אייך פלעצער, וועלכע דינען נאָך ניט באזעצט אדער בא... שטעלט געוואָרען מיט ארבייטער.

אין דעם טרייד געהען נאָך ארום א צאָהל ארבייטע... ליידיג. עס איז אייער פליכט צו זעהן אז די ליידיג געהענדע... ארבייטער זאָלען ארויפגענומען ווערען צו דער ארבייט.

געדענקט, ווען אייער ארבייט-געבער הייסט אייך אר... בייטען נאַכט ארבייט, ענטזאַגט זיך דאָס צו טאָן ביז וואַנע... אלע לעדיגע פלעצער אין שאָפּ דינען ניט פאַרנומען.

מיט ברידערליכען גרוס,

דזשאָינט באָארד קלאָוק, סקוירט, דרעס און ריפער מאַכער יוניאָן.

ל. לאַנגער, סעקרעטער...

יונייטעד דעזיינערס' יוניאָן, לאָקאַל 45
אויפמערקזאם.

א ספּעשעל מעמבער מיטינג
וועט אָפּגעהאַלטען ווערען
שבת, דעם 5טען פעברואר, 1 אוהר נאָך מיטאָג
אין גרענד אפּערא הויז, 309 וועסט 23טע סטריט.

אויף דעם מיטינג וועלען באשפּראָכען ווערען פראַגען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר אונזער לאָקאַל.

די יעצטיגע לאַגע אין אונזער אינדוסטרי וועט באשפּראָכען ווערען פון דעם פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאַנאַל, ברודער ב. שלעזינגער, ווי אויך די ברידער זיגמאַן, י. פיינבערג, דזשענעראַל מענעדזשער, און ל. לאַנגער, סעקרע-טער פון דעם דזשאָינט באָארד.

ברידער, עס איז ווינשענסווערט אז דער מיטינג זאָל זיין גוט באזוכט.

ביי אָרדער עקזעקוטיוו באָארד, לאָקאַל "4, א. ל. ג. וו. י.

דעזיינערס פאַר פרויען קליידער ווערען זעהר... פיעל פערלאַנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלד צו פאַרדינען!

הונדערטע לייטע האָבען שוין אויס-געלערענט אונזער מעטאָדע און יעצט פאַרדינען די פיעל געלד.

נעהמט איצט א קורס
— אין די —
מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאַר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקוהל מיינט א באַל-דיגע פּאָזישאָן און גרויסע גע-האַלט.

די מיטשעל סקול איז גאַרמענט דעזיינינג, פּעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאַר פרויען קליידער. עטאַבלירט איבער 50 יאָהר מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאָדען. בעסטע רעזולטאַטען.
פּריוואַט אונטערריכט אין אידיש. טאָג און אָבענד קלאַסען.
גוטע בעדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאָנירט אדער קומט פאַר א פרייען בוקלעט, דעמאָנסטריישאָן און פולע אויסקינפטע.
אָבענד קלאַסען: מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
912-920 BROADWAY (Cor. 21st), NEW YORK
Phone, Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

דער
אַרבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטאַרקסטער ראַדיקאַלער אידישער ארבייטער אָרדען אויף דער וועלט.

פאַרמאָגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
ברענטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט יע-דען וויכטיגען עקאָנאָמי-שען און פּאָליטישען קאַמף.

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אי-דישער ארבייטער באַוועגונג.

דער אַרבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער אָרדען, וואס האָט אן אייגענעם סאַניטאַריום פאַר זיינע קאָנסאָמפּטיוו מיטגליעדער.

מעמבערס ווערען ארייַנגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאָהר.

אויב איהר זייט נאָך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אָן!

נאָך אויסקינפטע ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

ליידיס טיילאָרס און סעמפּעל מייקערס יוניאָן לאָקאַל 3

וויכטיגע באַקאַנטמאַכונג

אלע מעמבערס פון פאַראייניגטע לאָקאַל 3 (געוועזענע לאָקאַל 3 און 80) דינען געבעטען צו נעהמען אין אכט אז די אָפיסעס פון 9 וועסט 21טע סט. און 725 לעקסינגטאָן עוו.
האָבען געמופט אין איין אָפיס, 12 וו. 29טע סט.
אלע מעמבערס דינען דאַרום אויפגעפאָדערט צו ברענגען זייערע קאָמפּליינטס, ווי אויך צאָהלען זייערע דיוס אין דעם נייעם אָפיס.

די שטיק-שניידער און סעמפּעל מאַכער וועלען האָבען א מיטינג שבת ביינאַכט, אין סטייוועסענט קאַסינאָ, 2טע עוועניו און 9טע סטריט. זאָלען אלע מיטגלידער קומען צום מיטינג!

ביי אָרדער עקזעקוטיוו באָארד לאָקאַל 3

באַרנעט ל. בעקער
אָפּטאָמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway | 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn | 895 Prospect Ave., Bronx

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ״ז, ו).

אין מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. III, No. 7. New York, Friday, Feb. 11, 1921. פרייטאג, דעם 11טען פעברואר, PRICE 3 CENTS

וויסט און דרעס אינדוסטרי אין ניו יארק אבגעסטאפט

דער רוף פון דער אינטערנעשאנאל און פון דעם דזשאינט באארד פון דער וויסט און דרעס אינדוסטריע צו די וויסט און דרעסמאכער איז ווי פאלגט:

די גאנצע דרעס און וויסט אינ־דוסטריע פון גרייטער ניו יארק מוז ווערען פאר־שטענדיג ארגאניזירט!

און אלע 35 טויזענד ארבייטער מוזען העלפען דאס דורכצופיהרען!

די קאנקורענץ צווישען איין שאפ ארבייטער און א צווייטען מוז איינ־מאל פאר אלע־מאל אפגעשאפט ווע־רען! יעדער שאפ מוז ווערען א יוני־אן־שאפ און יעדער ארבייטער א יוני־אן־מיטגליד.

אום דיזעס צו ערגרייכען, האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גאר־מענט וואירקערס יוניאן, און דער דזשאינט באארד אין דער דרעס און וויסט אינדוסטריע, באשלאסען אפ־צושטאפען די ארבייט אין דיזער גאנ־צער אינדוסטריע פון ניו יארק.

דער דזשענעראל סטרייק פאנגט זיך אן היינט — מיטוואך, 9טען פעב־רואר, 1921, 10 אוהר מארגענס.

שוועסטער און ברידער: איהר זיינט אלע אויפגעפאדערט אוועקצולע־גען די ארבייט פונקט 10 אוהר אין דער פריה. ווארט ניט אויף קיינע קאמיטעס וואס זאלען אייך קומען אויפפאדערען צו סטאפען. דיזער סוירקולאר איז די קאמיטע. אזוי שנעל ווי דער זייגער וועט ווייזען 10, זאלט איהר אלע אוועקלעגען די אר־בייט, נעהמען אייערע שערען און די אנדערע טולס וואס באלאנגען צו אייך, פארלאזען די שעפער און רוהיג און ארדנונגסמעסיג מארשירען צו דעם האל, אין וועלכען אייער שאפ וועט זיין פארזאמעלט דורך דער צייט פון סטרייק.

מיר האבען יעצט די בעסטע גע־לעגענהייט, דורך וועניג אנשטרענ־גונג, איינצופיהרען אין דער גאנצער דרעס און וויסט אינדוסטריע פון ניו יארק באדינגונגען, אונטער וועלכע די ארבייטער זאלען קענען ארבייטען ווי מענשען און לעבען ווי מענשען. איי־בער 800 מאנופעקטשורערס האבען שוין מיט אונזער יוניאן געסעטעלט און אין זייערע שעפער וועט דער סטרייק אנהאלטען בלויז אייניגע טעג.

דיזע אייניגע טעג וואס די גאנצע אינ־דוסטריע וועט זיין אין סטרייק, וועט אבער מאכען מעגליך די ארגאניזירונג פון דער גאנצער אינדוסטריע. די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפער וועלען האבען די מעגליכקייט מיטצו־העלפען אין דער ארבייט פון יוניא־

(שלוס אויף זייט 2)

אלעס כשורה אין באסטאן

דער סטרייק אין באסטאן איז שוין א וואך אלט. די שעפער פוסטעווען, און עס איז א סברא, אז פילע פון די באס־טאנער מאנופעקטשורערס, וועלכע הא־בען ערשט ניט לאנג געפיהלט זיך אזוי שטייף, האבען שוין חרטה אויף דעם גאנ־צען עסק.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז דער סטרייק ווערט געפיהרט אויסגעצייכ־נעט.

עס ווערען אפגעהאלטען מאססמיטינ־גען, וועלכע ווערען אדרעסירט פון ברודער שניידער, מענעדזשער פון סטרייק, פון אונזערע צוויי וויס פרעזידענטען, מאקס גארענשטיין און י. האזען, און אין די לעצטע פאר טעג, פון אונזער דזשע־נעראל סעקרעטאר און טרעזשורער אב. באראף און אב. ראזענבערג, וועלכע זיי־נען ספעציעל געפאהרען נאך באסטאן צו העלפען דעם סטרייק מיט זייער גאנצער ערפאהרונג פון אלטע און געניטע ארביי־טער־פיהרער.

עס קומען טאג־טעגליך פאר אויף פיקעט־דעמאנסטראציעס ארום די קלאוק פעקטארים. דערוויל איז נאך קיינער ניט ארעסטירט געווארען, נאר ארום איין שאפ האבען צוויי סטרייק־ברעכער געכאפט זיך שלאגען מיט מעסערס, אבער עס האט קיינעם ניט געשאדט.

מערקווירדיג איז, דאס די פאליס ווייס, אז די סטרייק־ברעכער טראגען זיך ארום מיט מעסער און רעוואלווערן, און עס ווערט גארניט געטאן אום צו ענט־וואפנען די בויאנעס.

די יוניאן האט געעפענט איהרע העד־קווארטערס אין רום 40, אמעריקאן הויז, און עס זיינען שוין אנגעקומען 40 אפ־ליקיישאנס פון באסעס מיט א פארלאנג צו סעטלען. די יוניאן אבער איילט זיך ניט. זי וועט זיין זעהר פארזיכטיג און גוט חוקר ודורש זיין, ווער דאס זיינען די אפליקאנטען.

ברודער שניידער שרייבט אונז אין זיין בריף, דאס די מאנופעקטשורערס זיינען זעהר ביזי און האלטען וואך אי־בער פילע איהרע מיטגלידער, וואס ווי־לען זיך פון איהר אפרייסען און סעטלען מיט דער יוניאן, ווי דאס האט שוין פאר־סירט מיט איין קלאוק־פירמע, קאהען בראדערס, 11 קינגסטאן סט.

עס ווייזט זיך ארויס, שרייבט ברו־דער שניידער, דאס די אסס'ן האט פאר־באהאלטען פון איהרע מעמבערס גאנץ וויכטיגע אינפארמיישאן, און עס קומט דארט פאר א שטיקעל רעוואלוציע. פי־לע ווילען ברעכען מיט דער אסס'ן און סעטלען מיט דער יוניאן.

אין אלגעמיין איז די לאגע, לויט דער מיינונג פון דעם פיהרער פון סטרייק, ברודער שניידער, א זעהר צופרידענשטע־לענדע. עס איז דער אנפאנג פון ספרינג סעזאן, און, אויב די מאנופעקטשורערס זאלען ניט פארלירען דעם סיזאן, וועלען זיי מוזען גלייך נעהמען זיך ארבייטען.

די יוניאן האט אויך ערהאלטען פילע בריף און טעלעגראמען פול מיט ערמו־טיגונג פון אנדערע יוניאנס פון באסטאן און פון אנדערע שטעדט.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 7.

זייט 2. — די האלס, וואו די דרעס־סטרייקער פארזאמלען זיך; די וואך — פון מ. דעניש.

זייט 3. — מיטינג פון דזש. ב. וויסט און דרעס־אינדוסטריע — מ. ק. מאקאף. מיטינג פון דזש. באארד ניו יארקער קלאוקמאכער יוניאן — ל. לאנגער.

זייט 4. — אין אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

זייט 5. — ווי הויך זיינען איצט די לעבענס־קאסטען פאר די ארבייטער — א. טראכ־טענבערג. צוויי מיטינגען פון פראוויזארישען ע. ב. לאק. 22 — ס. סאנדלער.

זייט 6. — ביי די קלאוקמאכער אין טארענ־טאן — ס. סעמועלס; אין לאקאל 3, — ס. שאצבערג; די טשילדרען דרעס־מייקערס יוניאן — ה. גרינבערג.

זייט 7. — אין לאקאל 9 — א. סארקין; צו־ליב א שלעכטען סיזאן טארען ארבייטער ניט געסעקט ווערען; אונטערנעמונג פון לאקאל 25.

זייט 8. — פון דעם רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.

זייט 9. — איך און ברינדעל (פעליעטאן) — פון דר. ק. לעא.

זייט 10. — די וויכטיגסטע באשליסע אויף דעם מיטינג פון ג. ע. ב. אין באס־טאן — ש. יאנאווסקי.

זייט 11. — די מלחמה־גיפט. — הלל ראגאף.

זייט 12. — הינטער דעם פארהאנג פון דער אפען־שאפ־באוועגונג — ה. לאנג. קורצע שמועסען צווישען רעדאקטאר און לעזער.

זייט 13, 14, 15, 16 — אדווערטייזמענטס.

וויסט סטרייק אין פילאדעלפיא אויסגעמידען

די הארעוואניע פון פרעז. שלעזינגער אין פילאדעלפיא פאר די לעצטע עטליכע וואכען, אז די יוניאן־פארהעלטעניסע פאר די וויסטמאכער אין פילאדעלפיא זאלען בלייבען די זעלבע ווי געוועזן, און דאך עס אויספיהרען אויף א פרידליכען אופן, איז ענדליך געקרוינט געווארען מיט ער־פאלג.

די וויסט מאנופעקטשורערס אסס'ן פון פילאדעלפיא האט ענדליך אין דעם אפיס פון סיטי־מעיאר זיך ערקלעהרט איינפארשטאנען, אז דער איצטיגער אגרימענט זאל אנגעהאלטען ווערען ביז דעם ערשטען דזשולייי 1921.

אויף דער קאנפערענץ אין דעם מע־יאר'ס אפיס דיזען דינסטאג, דעם 8טען פעברואר, זיינען געווען, אלס פארטרע־טער פון די ארבייטער: בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטער־נעשאנאל; עליאס רייזבערג, מענעדזשער פון לאקאל 15, און אסקאר הירש פון דעם קאטערס ברענטש.

די מאנופעקטשורערס אסס'ן איז גע־ווען פארטראטען דורך: מר. הערי הארט, פרעזידענט פון דער אסס'ן, מר. סעמיועל קאנטאר און מר. ס. שלייען.

אויף דעם פארשלאג פון דעם סיטי מעיאר פון פילאדעלפיא, האבען ביידע צדדים צוגעשטימט, אז ביז דעם 1טען דזשולייי 1921 בלייבט אין פולער וויר־קונג דער אלטער אגרימענט, אזוי דאס די וויידזש־סקייל, שטונדען און אלעס אנ־דערע בלייבט ווי געוועזן.

וואס אנבאטרעפט די פראגען פון א פולען ארבייטס־טאג און די צאהלונגען פון די מעמבער־דיוס, דאס איז איבער־געלאזען געווארען מיט דער פולער מאכט צו האנדלען צו סעמיועל שלייען פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן און צו עליאס רייזבערג, דער סעקרעטער פון די יוני־אנס, אז זיי זאלען אלע אזעלכע פאר־קומענדע סכסוכים אויסגלייכען אויף דעם בעסט־מעגליכען אופן.

איינענער לאקאל פאר וויסט און דרעס פרעסער

דער חלום, דער שטרעבען פון די לײדיס וויסט און דרעס־פרעסער צו האבען זייער איינענעם לאקאל, איז ענד־ליך פארווירקליכט געווארען. די אינ־טערנעשאנאל האט זיי ארויסגעגעבען א טשארטער, אונטער וועלכען זיי קענען געניסען דעם פולסטען „האום רול", נאך וועלכען זיי האבען אזוי געגלוסט.

דער נייער לאקאל פון די לײדיס וויסט און דרעס־פרעסער האט געקרא־גען דעם נומער 60, א נומער, וואס איז זעהר לייכט צו געדענקען, און עס איז קיין פראגע ניט, דאס עס וועט ניט נעה־מען לאנג, און יעדער לײדיס וויסט און דרעס־פרעסער וועט זיין א מעמבער פון זיין נייער ארגאניזאציאן.

דערוויל האט די אלטע עקזעקוטיווע פון דעם פרעסער־ברענטש איבערגענומען די „ביזנעס" פון דעם נייעם לאקאל, אבער דאס וועט נאר אנהאלטען אזוי לאנג ביז דער לאקאל וועט ארגאניזירט ווערען. דאן וועלען גלייך פארגענומען ווערען נייע וואהלען, און די מיטגלידער וועלען קענען אויסוועהלען וועמען זיי וועלען.

עס פארשטעהט זיך, אז צווישען די פרעסער, און איבערהויפט צווישען די, וועלכע האבען אזוי ענערגיש געווירקט פאר אן איינענעם לאקאל, הערשט ששון ושמחה.

אום צו געבען די מעגליכקייט די פרעסער אויסצודריקען זייער פרייד האט דער נייער לאקאל, פאר דעם דאנער־שטאג, 7 אוהר אווענד, איינבארופען א מאס־מיטינג פון אלע לײדיס דרעס און וויסט פרעסער אין אסטאריא האל, 62 איסט 4טע סטריט, וואו עס וועלען רעי־דען זיגמאן, האכמאן, אב. באראף, בענ־דזשאמין שלעזינגער און אנדערע.

די פרעסער וועלען שוין אין דעם אווענד קענען זיך טראנספערירען אין דעם לאקאל. אין דעם זעלבען האל וועט די גאנצע וואך זיצען א קאמיטע פאר דעם צוועק. און אזוי ווי די נעקסטע עטליכע טעג זיינען אלע וויסט און דרעס שעפער אין סטרייק, וועלען די פרעסער האבען גענוג פרייע צייט זיך צו טראנס־פערירען פון זייער אלטען לאקאל 25 אין זייער איינענעם לאקאל 60. די פרעסער, וועלכע האבען ניט געהערט אין גאנצען צו לאקאל 25, די קענען ווערען גלייך נייע מעמבערס פון לאקאל 60.

עס מוז דא אבער אין דער זעלבער צייט באטאנט ווערען, אז די פארמירונג פון דעם פרעסער לאקאל מיינט ניט, אז די פרעסער געהען מאכען שבת פאר זיך, אז עס וועט זיי גארניט ארען פאר די אנדערע ארבייטער אין דער וויסט און דרעס־אינדוסטריע. ניין, לאקאל 60 איז א טייל פון דעם דזשאינט באארד אין דער וויסט און דרעס אינדוסטריע. אלע אלגעמיינע אינטערעסען פון דער גאנצער אינדוסטריע וועלען אויך זיין זייערע; די פרעסער זיינען ארויס אין סטרייק גלייך מיט די אנדערע ארבייטער. זיי וועלען

(שלוס אויף לעצטער פיידזש)

פופציג טויזענט דאלאר פאנד באשלאסען פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא.

די פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן האט איינגעזעהן די גרויסע נויטווענדיג־קייט פון ארגאניזאציאנס־ארבייט אין פילאדעלפיא און זיי האבען באשלאסען צו שאפען א 50 טויזענד דאלאר פאנד פאר דעם צוועק.

דעם דאנערשטאג, דעם 10טען פעב־רואר, איז איינבארופען געווארען א ספע־שעל דזשענעראל מיטינג פון אלע אר־בייטער פון קלאוקס־טרייד אין לייבאר לייסעאום אום צו שטימען וועגען דעם. וועהרענד דיזע צייל ען ווערען געשרי־בען, ווייסען מיר נאך ניט דעם רעזו־לטאט פון דעם מיטינג, אבער עס איז זי־כער, אז די גרעסטע מאיאריטעט שטי־מען וועט זיין פאר די שאפונג פון דעם פאנד. די קלאוקמאכער אין פילאדעל־פיא זיינען באגייסטערט פאר דעם קו־מענדען ארגאניזיישאן־קאמפיין.

דער אפיס פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט געפינט זיך איצט אויף דעם 10טען פלאר, רום 1003 אין דער זעלבער בילדינג, 31 יוניאן סקווער.

אַט דעריבער זיינען טשעסטערפיעלדס אימער פריש



①
איינגעוויקעלט אין פייפער־ליינד בליי־פאפיער



②
נאכהער אין ריכטיגען פייפער פעקעדזש



③
און נאָכדעם ווערט יעדער פעקעדזש אריינגעלייגט אין א קאַנווערט וואָס פערהיט פון פייכטקייט—און פערזיגעלט

אידר פערליערט ניט קיין האָר פון דעם פיינעם פרישען טאבאק אראָמאט — רייכע טערקישע בלענדער מיט בוירלי און אנדערע בעסטע אמעריקאנער טאבאקען, אין דער טשעסטערפיעלד מעטאָדע, וואָס מ'קען ניט נאָכמאכען.

איז דער טעם פון א פרישען סיגארעט בעסער?

פּראָבירט נור א טשעסטערפיעלד — און זעהט!

„פאָרווערטס" מאסקען באַל

שבת, 19טען פעברואַר

אין 71טע רעדזשימענט אַרמאָרי

34 סט. און פארק עוו.   טיקעטס מיט האַט־טשעקס 75 ס.